STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01418

IN DI SHTURM TEG

Miriam Karpilove

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין די שטורם טעג

פערזאָנען:

אהרון	א תבואה הענדלער א יאָהר 65.
ח. ה	זיין פרוי א יאָהר 55.
ליבע (ליובאוו אראנאוונא	זייער טאָכטער.
סאלאמאן	א עקסטערניק.
סאשא	אַן אַרבייטער אין אַ דרוק.
סערגיי פעטראָוויטש	אַ בוכהאַלטער אין אַ באַנק.
יאלאשין	אַ סוחר פון טיעפען רוסלאנד.
ראיסא	אַ שכן'ס אַ מיידיל.
גריגארי	א סאָציאַליסט רעוואָלוציאָנער.
גרונע	אַ דינסט ביי אהרון אין הויז.
לייזער	גרונעס „אַ בעקאַנטער".
ר' זלמן	א שדכן.

פלאטץ — אַ גרויסע פראָווינץ שטאָדט.

צייט — שפעט אין פריהלינג.

ערשטער אַקט

ביי אהרון אין הויז, אַ גרויסער צימער מיט שטאַרק אָפּגעניצטע ווייכע מעביל. אויף די פענסטער וואַזאָנעס, אויף די ווענט בילדער פון ר׳ יצחק אלחנן, משה מאַנטיעפיאָרא, ד״ר הערציל און אַנדערע גרויסע מענשען, אויך בילדער לאַנשאַפטען־אויסגענעהטע. אויף אַ רונדען טיש מיט אַן אויסגעשטריקטע סערוועט, שטעהט אַ לאָמפּ מיט אַ גרינעם קאָלפּאַק, ניט ווייט פון דעם טיש געפינט זיך אַ גרויסער אלמער מיט ספרים. רעכט׳ס אַ טיהר וועלכע פיהרט אין די איבריגע צימערען און קיך. לינקס אַ טיהר צו אהרון׳ס שלאָפצימער. אין מיטען אַ טיהר מיט שווערע דונקעל גרינע פּאָרטיערען — פיהרט צו ליבע׳ס צימער. די פּאָרטיערע איז צונומען, ס׳זעהט זיך פון דאָרט אַ שפּיגעל אַ טישעל מיט „בעזדעלושקעס״ אַ לאַנד־קאַרטע, אַ עטאַזשערקע מיט ביכער, און אַ פענסטער וואָס קוקט אַרויס אין אַ סאָד האַלב פערצויגען מיט טיולינע פּאָרהאַנקס.

שבת נאָך וואַרמעס. חוה זיצט איינגעשלאָפען אָנגעשפּאַרט אָן׳ם טיש איבער׳ן צאנה וראנה די קאַסינקע האַלט ביים ארונטערפאַלען. די בריל צרויפגערוקט אויפ׳ן שטערין.

פון שלאָף צימער הערט זיך אַ לאַנגער גענעץ און אַ זוכען שיך מיט דיא פיס, אַביסעל שפּעטער — ווייזט זיך אהרון אויף׳ן שוועל פון שלאָף צימער, שפּיליעט זיך די קאַמיזעלקע, קוקט מיט פערזשמורעטע אויגען, געהט צו לאַנגזאַם צו חוה׳ן ליגענדיג אַ האַנד אויף איהר אַקסיל : —

אהרון: — חוה? חוה! ג׳זעהן אביסעל? ט׳איינגעשלאָפען על התורה ועל העבודה, ניט געקענט זיך צושפּארען אין בעט אַ ווייל, חוה, זעה נאָר זעה, וויא דאָס הערט ניט נו, שטעה אויף.

חוה: (פערשלאָפען : — וויא מען לאָזט עם ניט רוהען, שטעה אויף, שטעה אויף, וואָס שטעה אויף?!

אהרון: — שטעה אויף... שלאָפען...

חוה: — שטעה אויף שלאָפען! דאָס האָט זיך שוין אויסגעשלאָפען לאָזט עס דעם אַנדערן ניט רוהען. געה, שלעפּ מיר ניט אַרונטער דיא קאַסינקע (ער שנעלט איהר אין נאָז) שפּילינקען האָט זיך גאָר עס פּאַרוואָלט, וועסט אויפהערען צו ניט, אַז דאָס טשעפּעט זיך צו אָט וויא אַ קלעק...

אהרן: — ש־ש־ש־אַ־א ט׳זיך שוין אויפגעכאַפּט... הײם בעסער דערלאַנגען אַ גלעזיל טהיי, פון טשאָלינט איז פּאַסקודנע אין מויל נאָכ׳ן שלאָף. הײם דערלאַנגען מיט מאַליענעם סאָק.

חוה. — מאַליענעם סאָק איז פאַר קריינקע, וועסט פּאַרדייען, ניש־קשה, מיט ציטרין, הײם גרונען אַרויסנעמען דעם הליאַק פון גײיזען.

אהרן (געהט צום קיך טיהר, רופט:): — גרונע? גרונע!... ניטאָ זיא דאָרט, וואו קען זיא זיין?

חוה: — מסתמא׳ן אוועק אויף אַ סאַבראַניע.

אהרן: — אללע ווײלע „סביראַניעס" מעהר ווי דאָס פעהלט אונז ניט..

חוה: — די שיקסע מיט איהרע סאָלדאַטען געפעלען דיר בעסער?

אהרן: — פּ־ס־ס־ס אַן אַ מענשען קען מען גאָר ניט אויסקומען גמ.. געוויס אַז דיא טאָכטער איז אַ גיבולבעטע פריילין, אַ גאַנצע פילאָזאָפקע, ביי לייטען וואָלטען אויסקומען אָן דינסטען...

חוה: — ביי לייטען... קריכען אָפּ די זייטען, און ביי דיר זיינען זיי גאַנץ. גוט? געה זעה בעסער וואו ליבע איז, וועט זי געבען טעה.

אהרן (קוקט אַריין אין ליבע׳ס צימער): — ניטאָ, מען לאָזט עס אַ הויז אויף הפקר און אליין ווערט מען נעלים, ווי־זי, אויף אַ „סביראַניע" אויכעט?

חוה: — מסתמא׳ן אין סאָד, מוז לעזען.

אהרן: — מוז לעזען!...

חוה: — זעה נאָר ס׳אַרא שעהנער דו ביזט ווען דו פערקרימסט זיך (לאַכט) דאַרפסט גאָר ניט מאַכען קיין גלייכע צורה...

אהרן: — לאַכינקעט, ס׳טוהט איהר הנאה וואָס די טאָכטער — ליגט יום ולילה איבער די ביכלאָך, ביזט איהר גוט מדריך ניטאָ וואָס צו ריידען! וואַרט, וואַרט, פון די ביכלאָך מיט די ימח

שמוניקעס, מיט'ן „רזיבאַטשירין“ וועט קיין גוטס ניט ארויס־קומען...

חוה: — נו, זיי איהר דו מדריך בעסער... ביזט דאָך א טאַטע, ניין? ווייסט נאָר ווי צו קאָמאַנדעווען ווען ס'איז פּאַסקודנע אין מויל...

אהרון: — טוט איין זאַך און שלינגט ביכלאַך, ווער ווייס פון וואַנען זי נעהמט זיי? איז אין הויז ווי א פּרעמדע, א גאַסט! און ד'ער זאָל דאָס גאָר פּריוועז ארעז...

חוה: — שבת אויף דער וועלט? ער האָט זיך שוין גענומען, וואו ביזטו פּרעג איך? ביזט געקומען פון מרחקים און דערזעהן איך האָב דיר אויסגעהאָדעוועט א טאָכטער א קאַליקע? זי לייענט, זי קוקט, זי רעדט, זי שטעהט, זי געהט — שלעכט! זאָל זי זיך אפשר יעצען מיט דיר פּערברייינגען? אָדער זאָל איך זי בעהאַלטען אונטער'ן פּאַרטוך? שוין אוועק די צייטען, מען שרייט שוין פון אַלע קאַטוכעס „סוואָבאָדאַ“ ביזט אליין אויך געלאָפען מיט אַלע ווייסע חברה'ניקעס כאַפּען קאָנסטיטוציעס מ'האָט גוט נעגעבען?....

עס הערען זיך טריט, אַ הוסטען. ס'קומט אַריין ר' זלמן שדכן, אַ בלאַסער אויסגעמאָגערטער איד, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ, מיט שאַרפע אויגען וועלכע קוקען דורך די געדיכטע ברעמען פון אונטען אַרויף.

ר' זלמן: — גוט שבת איך! (הוסט).

אהרון: — גוט שבת, גוט יאָהר!

חוה: — גוט שבת, גוט שבת, זיצט, וואָס גוט'ס וועט איהר זאָגען?

ר' זלמן: — אַי, מיין אָטהעם, ניט פאַר איך געדאַכט, פאַרכאַפּט מיר, א פּע, ניטאָ אמאָליגע יאָהרען, (הוסט, נעהמט פאַנאַנדער זיין סורדעט, זעצט זיך פאַרזיכטיג) אָט אַזוי לויפט מען דאָס אַרום, ערשט אריין און שוין ווייטער לויפען... ווייסט איהר וואָס איך בין איך געקומען אָנזאָגען? דעו איז דאָ... אָט טאַקע דער וואָס מיר האָבען לייענגער גערעדט, ער אליין, דער קופּיעץ, א קופּיעץ זאָג איך איך און... גאָר! מאַכט זיך דאָ פאַרטיג, איך לויף גליך איהם אָנזאָגען דאָס מען וואַרט אויף איהם (שטעהט אויף פון שטול).

חוה: — וואָס עפּעס כאַפּענעס, גילטענעס...

אהרון: — כ'ווייס? א בהלה — די טייך ברענט. —

ר׳ זלמן: — איהר רעדט דאָך גאָר, כ׳בעט איך צו פערצייען, ווי קינ־דער, וואָס הייסט? ער איז דאָך אַ מענש אַ פערנומענער, מיט געשעפט איז ער דאָך, צו וואָס די הכנות? — וואָס מעהר מען — ווארט, אַלץ מעהר דאַרף מען דערלייגען צום נדן (הוסט און לאַכט) אזא יאָהר מיר ס׳אַרא טאָכטער איהר פערמאָגט, אַ יפת תואר, אַ וואויל קענעוודיגע, אַ היינטיג׳ס, אַ בוים! מי מעג זיא נעמען ווי זי שטעהט און געהט (הוסט) איז הערט־זשע, מאַכט זיך פאַר־טיג, און איהר ר׳ אהרון, ניט נעהמט זיך קלאָגען אויף די שלעכ־טע צייטען, על הכל עת; אויף אַלץ איז אַ צייט... אַ פריהער לאָזט מען זיך געפעלען ווערען און דערנאָך רעדט מען שוין פון פרטים (צו חוה׳ן) איהר ווייסט דאָך, מען דאַרף איך ניט לערנען, געה איך, הייסט עס, האָט מיר אַ גוטען... (געהט צום טיהר).

חוה: — איהר, ר׳ זלמן, ווער מעהר ניט זיין היינט?

ר׳ זלמן: — גאָט בעוואר! איך טאָר זיך ניט ווייזען, איהר דאַרפט גאָר פאַר זיי מיין נאָמען ניט דערמאָנען, איהר דאַרפט איהם פאַר איהר פאַרשטעלען דאָס ער איז געקומען צו אייך מכח גע־שעפט, איהר פערשטעהט?... איך וועל שוין קומען צו אַלעם פאַרטיגען...

חוה: — ביי אייך ווערט עס גיך פאַרטיג...

ר׳ זלמן: — וואָס דען? קומט דער בעשערטער — ווערט אין צוויי ווערטער. נו, וואָס וועל איך דאָ אַ פולע ברייען? כ׳האָב נאָך טוי־זענד גאַנגען, אַ גוטען שבת!

אהרון: — אַ גוטען שבת, אַ גוט יאָהר!

חוה: — געהט געזונטערהייט! (שדכן אָפּ).

אהרון: — נו, מחותנסטע מיינע? געה זוך אויף די כלה, יענע וועט דערהערען אַ חתן, וועט זיין „ניע פאַדכאַדי“!

חוה: — מ׳וואָלט בעדאַרפט אויפראָמען אַביסעל, גרונע זאַמט זיך אזוי...

אהרון: — שטעהט געווים ערגעץ מיט איהר „ביקאַנטען“ און פיהרט אַ וכוח מכח קארל ס׳מארק׳ס׳ן, וועט קומען אודאי אין האַל־בע נאַכט און... אַ גלעזיל טעה וועט ניט זיין ווער עס זאָל דערלאַנגען.

חוה: — געגוג זאָל שוין זיין מיט דער גלעזיל טעה, באלד וועט מען מעגען שטעלען דעם סאַמאָוואר, פון הליאק וועסטו סיי ווי סיי פיהלען א טעם פון א זויער׳ן בוריק, נעהם בעסער טו זיך אָן ווי א מענש, שפאַצירט ארום ווי א גראף אין פאַנטאָפיל, א צו־פודעלטער!...

אהרן: — ס׳געפעלט דיר ניט, האָסט אפשר חרטה אויפ׳ן שדוך? זוך זיך א שענערען (ברויגז׳דיג) ווי א גראף אין פאַנטאָפיל, א צופודעלטער. (ער טהוט זיך אָן אַ סורדוט געהט צום עס־צימער מיט כעס) — איך געה דאַווגען מנחה!

חוה (קוקט אַרוים אין פענסטער): — שא אָן געהט גרונע, (מאַכט מיט׳ן האַנד) גיכער! קוים וואָס דאָס בייט די פיס...

(אין הויז קומט אַריין אַ ניעדעריגע פעסט געבויטע מיידיל, מיט גלאַט פערקעמטע האָר, טראָגט אַ דונקעל רויטע קליידיל, אַ גראָען מאַנ־טעלע, אַ רויטע היטעלע מיט אַ שוואַרצען באַנד אַרום, טופּעט שטאַרק, רעדט הויך, נאָך פון יענער זייט טיהר).

גרונע: — נו, געזאמט זיך? מי׳ט אודאי געוואָלט טעה, איהר האָט געשלאָפען?

חוה: — דו זאמסט זיך דאָך קיין מאָל ניט!.. (זאָגט איהר עפּעס שטיל, דערנאָך העכער): פערשטעהסטו, מאך עס שנעלער, וועסט כאַפּען נאַטשיי.

גרונע: — זיא וויים שוין?

חוה: — ניין, איך וועל איהר זאגען (פאַר זיך) שטעה, וואָס טהוט מען זיך אָן? די שוואַרצע קלייד? (צו גרונען) מאַך דאָס שנעלער. (אָפּ)

גרונע (נעמט צו שטעלען דיא שטולען, בלייבט שטיין געגען שפּיגעל, — נעמט אַ פּאָזע ווי צו האַלטען אַ רעדע): „שוועסטער און ברידער! די קאַנאָמישע אומשטענדינם ביין יעצטיגען מאָמענט הייסען אונז קענפען מיט זעלבסטהערשונג. ס׳לעבע דער ראַבאָטשער קלאַס, פּאָליטאַריאַט פון בונט! (זינגט פּיליענדיג די מעביל):

„אָי שוועסטער און ברידער.

אָי, נעמט זיך פאַר דיא הענט —

אָי נאָמיר צורייסען די אייזערנע ווענט!...

— (אין טיהר פון עס־צימער ווייזט זיך ליבע, אַ הויכע שלאַנקע פיגור אין אַ דונקעל ברוינע קלייד מיט אַ ווייסען קראַגעלע, די שוואַר־

צע גרויסע האָר פערפלאָכטען און פערליוגט אַרום קאָפּ. האַלט אַ בוך קוקט אַ ווײַלע אָן גרונען, וויל ווי עפּעס פרעגען, האַלט זיך צוריק און פערשווינדט הינטער די פאַרטיערען, פערציהענדיג זיי נאָך זיך). —

חוה (קומט אַריין, בעטראַכט זיך אין שפּיגעל, פעררוכט די פּערל אויפ'ן האַלדז): — נו, איך בין שוין פאַרטיג, איצט וועל איך געהן זעהן ליבען.

ליבע (ווייזט זיך): — מאַמע, דו דאַרפסט מיך?

חוה. — זעה נאָר, זעה, פון וואַנען האָסטו זיך גענומען? ווי ווערט מען דאָס ניט געוואָר אין שטוב אַ גאַנצען טאָג, מען זוכט און מען וואַרט...

ליבע: — צו וואָס?... (צו גרונען) וואָס פאַר געלע לאַטעס שפּי־ליעט איהר דאָס אויף דיא מעביל?

גרונע: — האַ? סערוועטלאַך, כ'פאַרשטעל די ערטער וואו ס'איז מאַרעט.

ליבע: — דאָס איז איין איינפאַל... (שמייכעלט).

חוה: — וואַרט אויס, גרונע, (צו ליבען) גיב איהר דיא טשעכאָלען, דאָס וועט אויסקוקען בעסער (העכער צו ליבען וועלכע קוקט זי אָן פראַגענד) די טשעכאלען גיב איהר, זאָג איך.

ליבע (ברײנגענדיג די טשעכאלען פון עס־צימער, געבענדיג גרונען):— ביי לייטען אז מען וויל מאַכען שעהן, נעהמט מען עס אַראָפּ. ביי אונז — טהוט מען דאָס אָן...

אהרון (אויפ'ן שוועל פון עס־צימער): — ניט געפעלען שוין דיא „אפּסטאַנאַפּקע?“ באַלד וועט ניט געפעלען זיין טאַטע־מאַמע, אויף זיי דאַרף מען שוין אויך באַלד טשעכאלין...

ליבע: — עס הייבט זיך שוין אָן... (וויל געהן צו זיך).

חוה: — אנטלויף נאָר ניט... נעם טו זיך אָן...

ליבע: — צוליעב וואָס פאַר אַ שמחה, איך טאָר ניט וויסען?

חוה: — דער איז דאָ געווען... עס קומט דער.. וועגען וועלכען מ'האָט לייגגער גערעדט.

ליבע: — ווער?

חוה: — אַ מענש, אַ מענש קומט, אַ קוק טאָן אויף מיין נחת רוח קומט ער!...

אהרון: — אַ בער, אַ בער, אַ מאַ קומט...

ליבע: — א... א חתן?...

חוה: — אז ס'וועט בעשערט זיין וועט עס זיין א חתן. (ליבע אָפּ צו זיך)

אהרון: — זעהסטו ווי זי קוקט? „נו פּארדכאדי!" דיין אדוקאציע...

חוה (צו ליבען וועלכע קומט אריין אָנגעטהאָן צו געהן אין גאַס): וואוהין געסטו? אללע צרות צו מיינע שונאים'שע קעפּ, וואוהין ווילסטו געהן, פרעג איך?!...

ליבע: — איך האָב צונעזאָגט זיין אין א פּלאַטץ.

חוה: — ליבע, דו וועסט דאָך ניט אָנשפּייען גלאַט א מענשען אין פּנים?

ליבע: — איך האָב מיט דעם מענשען גאָר נישט צו טאָן.

אהרון: — אָט וועלען מיר זעהן ווער ס'וועט דאָ אויספירען...

חוה: — דו בעסער קאָם פאַנאַנדער דיין באָרד און נעהם א ספר איי האַנד (צו ליבען, ווייך) ווייסטו וואָס, וועסט זיך מיט איהם פריי־ הער בעגעגענען, דערנאָך געהן, עס מיר ניט מיין הארץ (ליבע האַסטיג אָפּ, צו זיך) טו זיך איבער! הערסטו? ליבע!

אהרון: — אָט וועט זיא זיך דוקא ניט איבערטהאָן.

חוה: — מיט וועמען רייצסטו זיך (שטילער) מיינסט זיא איז ניט גערעכט וואָס? אז מען רעדט א שידוך פרעגט מען פריהער גוט נאָך, ניט מען הייסט פּלוצלינג קומען! —

אהרון: — איך האָב געהייסען? און וואו ביזטו געוועז?

חוה: — גרונע, ביזט שוין דאָ פאַרטיג, געה מאַך א שטיקעל „פּאָריאַ־ דאַק" אין פּריכאָזשע", א מענש קומט און דאָרט איז פינסטער ווי אין א טיורמע. —

גרונע: — אָי, דאָרטען איז אָנגעהראַמאַשזעט איך'ל בעסער ארויס צולייכטען...

חוה: — ניין, זיי טאַקע מוחל, נעהם דעם בעזים, נעהם זיך!

גרונע (גייענדיג מיט'ן בעזים): — „אָי מיר גייען אַרוים אף מינים־ טראַציע, מיט דער פאָנע דער רייטער אין האַנט, אין האַנט!"

אהרון: — זי'ט דאָרט אָנמאַכען א פּיל אז ס'וועט איהם פינסטער ווערען אין די אויגען...

חוה: — גרונע! בעשפּריטץ!

גרונע: — רעכט! (זינגט ווייטער) „מיר זענען געשאָסען געהאָנגען"!?

אהרון: — נ־נו, פעשניעס! — (פאנאנדערקאמענדיג מיט דיא פינגער זיין באָרד) זעהסט נאָר וויפיעל גראָע האָר? ביי דיר זיינען נאָך די האָר ניט אזוי שיוו.

חוה: — אפשר ווייניגער צרות געהאט פון דיר? געוויס. דו האָסט דאָך געהאט קינדער, זיי אויסגעהאָדעוועט...

אהרון: — זיך ווייניג אויסגעליטען פון דיין קאפעליע... און ווינ־ציג האָט מען פון זיי איצט, פון די אויסגעגעבענע, עס אָרט זיי א סך פאר אונז, פ־ס־ס־ס. —

חוה: — אזוי ווי דיך אָרט פאר זיי, סטאַרעסט זיך דאָך נאָר אָראָפ־פטר'ן פון זיך א יאָך, פערזאָרגט זיי וועלטען! מיינסט זיי זיינען ניט גערעכט וואס זיי פרעגען — צו וואָס האָט מען זיי געהאט?

אהרון: — איך וואָלט וועלען הערען וואָס זיי וועלען ענטפערען זייערע קינדער אויף אזא קשיא!

חוה: — וואָלסט וועלען! אַללע מאָל וואָלסטו וועלען עפעס וואָס איז ווייט צו דאַלאַנגען...

אהרון: — למשל כדומה, דיך, געדיינקסטו?...

חוה: — טפוי, מען קען מיט דיר ריידען ווי מיט א מענשען, וואָס?

אהרון: — געוויס, וואַרט נור מיר וועלען אויסגעבען אונזער פי־לאָזאָפקע בלייבען דיעד דאָ באבא, וועלען מיר נעמען דעם פעקיל אויפ'ן פלייצע און אוועק קיין ארץ ישראל. עפעס כלאפּאַטיעט מען דאָך פון אונזערט'וועגען, זיי וועלען, זאָגען זיי, זיך איספּראַ־וועץ פריהער פאר משיח'ן. מילא, זאָלען זיי... מיר וועלען דאָרט לעבען ביז מען וועט אונז אָנטהאָן טשעכאלין.. און אונז וועט פערשפּאָרט זיין צו געהן כּף־הקלע ווען דער שופר של משיח וועט בלאָזען.

חוה: — ש־א־א־א־ ער האט זיך צורעדט... מען געהט דוכט זיך (הערען זיך צו) מען געהט.

אהרון (צום טיר וואו ס'ווייזט זיך א עלעגאַנט געקליידעטער מאַן — א יאָהר 35, בעגלייט פון גרונען): — א, איך האָב דוכט זיך די עהרע צו ריידען מיט...

גאלאשין: — גאלאשין, א גאסט אין אייער שטאָדט, איהר זייט מיר גוט־בעקאַנט חאָטיא איך האָב אייך נאָך ניט געהאט די עהרע צו זעהן... אין דער סוחר'שער וועלט איז גענוג אז מען הערט...

א ה ר ו ן: — איך האָב פון אייערטוועגען אויך געהערט א סך... גוטעס.

ג א ל א ש י ן (מיט אַ שמייכעל): — פיליכט... פון אזעלכען, וועלכען מען מעג אמאָל ניט אלץ גלייבען?...

ח ו ה: — נו, זיי ריידען זיך אמאָל אויך ארוים אַן אמת... זיצט, זיצט אונזער גאַסט, דערצעהלט פון די גרויסע שטעדט, מיר לעבען דאָך דאָ ווי אין אַ דאָרף.

ג א ל א ש י ן: — יע? פּאַלאַשזים, אין סאמ׳ן צענטער קאַכט דאָ אויך געגנוג, וואָס כ׳האָב זיך דאָ אָנגעהערט! ארעסטען, פּאָגראָמען, באָמבעס, איהר האָט אַ שלעכטען גובערנאַטאָר.

א ה ר ו ן: — יע, ס׳טומעלט, און וואו איז שטיל? און אז ס׳איז שטיל איז שטיל ביז עס ברעכט אוים אַ פייער, מען איז שוין געוויינט דערצו...

ח ו ה: — מיט צרות איז אזוי אָדער מי ווערט געוויינט אָדער ס׳קומט זיך איבער.

א ה ר ו ן: — יע, יע, (זיפצט שווער) אָנגעשטאָנען צייטען, שלעכטע צייטען!

ח ו ה: — רעדט בעסער פון פרייליכערע זאַכען. איך הייס שוין דער־לאַנגען טהעע (בלייבט שטיין געגען ליבעס צימער) ליבע, גיב מיר, טאָכטער, דיין שאַל, ס׳איז מיר עפּעס אזוי ווי קאַלטליך. (ליבע ווייזט זיך מיט אַ שאַל אין האַנד, חוה געהט ניט צו נעמען, ליבע טרעט ארוים עטוואָס מעהר, אָנגעטאָן די זעלבע ווי פריער, גיט דעם שאַל וויל געהן צוריק).

א ה ר ו ן: — דאָס איז מיין טאָכטער, כ׳קען פאָרשטעלען... ליבע, קום נאָר אהער...

ג א ל א ש י ן (לויפט צו ליבען פערנייגט זיך): — גאלאשין, ערשט גע־קומען פון די ווייטע קאַלטע לענדער (ער שטרעקט אוים די האַנד, זי גיט איהרע ווי געצוואונגען חוה קוקט זיי אָן גוטמוטהיג, געהט אַוועק אין קיך).

א ה ר ו ן: — נו, ענטשולדיגט, מיין טאָכטער וועט שוין אייך פער־נעמען, איך וויל זעהן דעם מענשען ער זאָל צוגרייטען די ביכער מיט די חשבונות פון א גאַנץ וואָך (צו ליבען) הערר גאלאשין איז דאָ געקומען צוליעב מסחר, עס קען זיין — מיר זאָלען אמאָל מאַכען שותפות...

גאלאשין: — גאנץ מעגליך, גאנץ מעגליך (אהרון אָפּ — גאלאשין צו ליבען וועלכע קוקט אויף איהר זייגעריל) פּיליכט... שטער איך אייך אין עפּעס, — ליב. — ליובאָוו אראנאָוונא? אזוי איז, אייער ווערטהער נאָמען?

ליבע: — יע... איהר דיינקט דאָ לאַנג צי פּערזאמען?...

גאלאשין: — וויפיעל די געשעפּטען וועלען ערלויבען... איהר ווייסט, ליובאָוו אראנאָוונא, איך קען מיך גאָר ניט אָפּקוקען פון די אויסגענעהטע בילדער, ביי אונז אין ראַסיע זעהט מען עס ניט איך וויל טרעפען, איהר האָט עס אויסגענעהט... געטראָפען?

ליבע: — געטראָפען...

גאלאשין: — וואָס פיר שעהנע בילדער איהר שאפט אין דער פּראָווינץ! די צייט ערלויבט...

ליבע: — איך האָב עס שוין לאַנג „געשאפען" ווען איך בין נאָך געוועזן אַ קליינע.

גאלאשין: — איך גלויב אז דאָס איז געוועזן גאָר ניט לאַנג....

ליבע (טרוקען): — זעהר לאַנג.

גאלאשין: — יעצט וואָלט איהר קענען שאפען שענערע בילדער, בעסערע?...

ליבע: — קיין ערגערע אויך ניט...

גאלאשין: — ס'איז דאָ געווים אַ ווילען צו שאפען וויכטיגע לעבעדיגע בילדער, וועלכע זאָלען דינען אַלס מוסטער פאַר דער גאַנצער מענשהייט, בילדער אויפ'ן קאַנווע פון לעבען...

ליבע: — אויפ'ן קאַנווע פון לעבען... (קוקט אים אָן ווי פערוואונדערט, דערזעהט זיין צופריעדענעם שמייכעל אויף זיין גלאַט געראַזירטען געזיכט און אַ איראָנישער שמייכעל וויזט זיך אויף איהרע ליפּען) — זער לינקער זייט זאָל זיין אין קניפּלען... פּלאָנטערס, נאָר דער רעכטער גלאַט, שעהן. יע... ווען מען ארט דאָס וואָס ס'איז פערבאָרגען!...

גאלאשין: — איך מוז דאָ אָפּט זיין זעהר אונמוטהיג, איהר וואָלט בעדאַרפט זיין אין אַ גרויסער שטאָדט, אין ראַססיע, בעזוכען אָפּט קאָנצערטען, בעלער, גוליאַניעס... אומבייטען דעם פּלאַטץ!

ליבע: — אזוי, ס'איז גענוג אומצובייטען דעם פּלאַטץ ווערט שוין... בעסער?... (זיא געהט אָב אָן אַ זייט פון איהם).

חוה (צו גרונען וועלכע טראָגט אַ טאַץ מיט כבוד): — זיי פאַרזיכטיג. נו, נו, נו גוט. (צו גאלאשין) איהר וועט זיך געווים ניט ענטזאגען צו געניסען עטוואָס, פאַרזוכט אונזערע ווארעניעס פון'ם אייגענעם סאָד.

גאלאשין: — יע? איהר האָט אַ סאָד?

חוה: — אָט פרעגט זיא, (ציינט אויף ליבען) זי שטענדיג, לעזט דאָרט, שפּאַציערט, טראַכט און כ'ווייס וואָס?

גאלאשין: — מעג מען וויסען וואָס... איהר טראַכט?...

ליבע: — דאָס בלייבט אַ סוד אפילו פאר'ן סאָד...

חוה: — געהט טרעפט וואָס היינטיגע קינדער טראַכטען, דאָס איז אַ מין, ווי רופט מען דאָס?... קאָנספּיראַטציע!..

אהרון (ארייבקומענדיג אויף די רייד): — וואָס זאָגט איהר, הערו גאלאשין, צו מיין אַלטער? זי ווייס שוין אויך פון זייערע דריי־גאָרינדיגע נעמען... אַ וועלט, הא? (זעצענדיג זיך צום טיש) ווען אַ אידענע וואָלט געמעגט זיין אַ מיניסטער, וואָלט עס מיינע גע־מעגט זיין... און זיא, זיא (אויף ליבען) קען אויך זיין אַ...

ליבע: — שנא למלך...

גאלאשין: — דאָס הייסט... (לאַכט) ניט קיין גוטער פריינד?..

אהרון (צופרידען): — מי שמייסט, אי שמייסט מען היינט פאַר אַזעלכע חכמות!...

חוה: — ער ווייס שוין וואָס מען טהוט... דערציילט אַקאָרשט פון לויפען כאַפּען קאָנסטיטוציעס...

גאלאשין: — וואָס איז דען געשעהן דאָן?

אהרון: — כ'ווייס וואָס זי רעדט... גאָר נישט, עט נו, נעמט בייסט בעסער צו, די טהעע ווערט קאַלט.

גאלאשין: — דאנקע, דאנקע. אזוי... איז עס געוועזן טומעלדיג.

חוה. — אַלץ הייסט געוועזן! (ווייזט אויף ליבען) זיא האָט מען ארעסטירט. דאָס איז נאָך געוועזן אַ גליק; די פּריצע האָט מען געשאָסען אויפ'ן אָרט, וויפיעל שרעק, אומגליקען, אַ קויל וואָלט שוין טאַקע געמעגט כאַפּען אונזער גובערנאַטער!

אהרון: — ס'איז נאָך אַ גליק וואָס איך בין בעקאַנט מיט דער פּאָליציי, כ'קום צו איינעם פון זיי, זאָגט ער מיר, בראַטיעץ, אז

מען האָט קינדער דאַרף מען זיי וויסען ווי צו האַלטען, און אז — זיי פּאַפּאַדיען זיך — דאַרף מען וויסען ווי אַרויסצונעמען... מען דאַרף האָבען סמעקאַלקע... נעהם איך און דערלאַנג איהם אַ צענעריל זאָגט ער, „וואַרט, עס וועט שוין זיין גוט, דערנאָך געה איך צו איהם און געה, געה און געה...

חוה: — ביז מען הייסט איהם געהן ווייטער.

אהרן: — וואַרט, לאָז מיך געהן כסדר, וועסטו איבערשלאָגען — וועל איך אָנהייבען פון אָנהויב.

חוה. —און ניט קומען צו זיך? דו בעסער דערצעהל פון מיטען! (לאַכט).

אהרן: — פון אַלץ מאַכט זי איך אַ געלעכטער.

חוה: — וואָס־זשע ווייגען? מילא, עס מאַכט זיך, עלטערע פון דיר שמייסט מען ביי היינטיגע צייטען... איך זאָג איהם דאַמאָלסט „אהרון, פאָלג מיך, זיץ אין דער היים, ס'וועט אָן דיר אויך זיין אַ פּאַראַד", זאָגט ער: „אַט נעהם בעסער טוה זיך אָן און קום אויך". בקיצור, איך בין ניט געגאַנגען. דערנאָך, איך וואַרט אויף איהם — ניטאָ. איך וואַרט, וואַרט, וואַרט און וואַרט, ערשט — ער קומט (לאַכט) ווי אן אָפּגעשמיסענער „הערסטו, זאָגט ער, חוה, אויף דער עלטער געכאַפּט אַ חלק!"... חאַ־חאַ־חאַ!

אהרן: — האָטש טהוט איהר עפּעס, איך זאָג איהר די קאָזאַקען מיט די נאַגאַיקעס אין גאַס, און זי — ניין, דוקא אין איטשאַסטאָק האָט מען מיך געשמיסען...

חוה: — ניט אין איטשאַסטאָק און ניט אין גאַס חאַ־חאַ־חאַ! — (אַללע לאַכען איינגעהאַלטען, חוה אָנווייזענדיג אויף גרונען וועלכע שטעהט אין טיהר דיא הענד אַ הינטער זיך) גרונע, דערצעהל גרונע פון דיין זאַך...

גרונע: — וואָס'צודערצעהלען אז איך וואָלט ניט געגאַנגען מיט דער „מיניסטראַטציע" וואָלט'ן מיך ניט געשלעפּט קיין איטשאַסטאָק.

גאַלאָשין: — מען האָט איך דאָרט... געשלאָגען?

גרונע: — גאָר אַ נייעס! מעהר נישט די גראַדאַוויעס האָבען מיך געשטופּט דער אהער, דער אהין, און די נאַטשאַלסטווע האָט־צאָך מיר געהייסען אונטערשרייבען.

גאלאשין: — אונטערשרייבען?

גרונע: — יע, מיין „פאטשעראק" האָבען זיי געוואָלט זעהן, האָב איך געוויזען האָבען זיי דאָס פארפאטשקעט און געהייסען ניט מאַכען זיך געפּגר'ט און שרייבען גוט. נעהם איך, און שרייב זיך אונטער נאָך אמאָל איז ארויסגעקומען פונקט די זעלבע זאַך ווי א פריער, זיינען זיי געוואָרען אין כעס און אוועקגעשטופּט מיט די שאשקעס צום טיהר, געשריען „פּאשלא וואָן"! מיין איך אז איך מעג שוין געהן, ערשט זיי שלעפּען מיך צוריק און פער־זאָגען מיר ניט צו געהן אויף איין וועג מיט מיניסטראַטציעס, נאָר אויפ'ן זייט, זאָג איך, ראז אז זיי הייסען וועל איך געהן...

חוה: — אַלע מאָל אויפ'ן זייט...

גרונע: — אַללע מאָל? כ'האָב זיי אין דער ערד, דוקא אין מיט'ן!

גאלאשין (קוקט נאָך ליבען ווי זי קוקט אויפ'ן זייגער, אין פענסטער): — וואָס פאר א שעהנע נאַכט! אין אזא נאַכט איז גוט צו שפּאַצי־רען... וואָלט איהר מיר ערלויבען, ליובאָוו אראַנאָוונא, זעהן אייער סאָד?

ליבע: — ענטשולדיגט... איך דאַרף שוין אוועקגעהן.

גאלאשין: — בין איך ערלויבט צו זיין אייער בעגלייטער?

חוה: — ליבע, וועסט דאָך ביי נאַכט ניט געהן אליין.. ס'איז אזוי אָפאסנע.

ליבע: — איך וועל פאָהרען.

אהרון: — אין אזא פאַגאָדע איז, דוכט מיר, בעסער דורכצוגעהן זיך..

חוה: — גרונע, זיי אזוי גוט טראָג ארוים אהער ליבע'ס נייעם מאַנ־טיל מיט'ן הוט.

ליבע: — איך וועל אליין נעמען (אָפּ צו זיך).

חוה: — א גאַנצען לעבען לערינט מען זיך און מען שטארבט ערשט א נאַר, וואָס עלטער מען ווערט אַלץ ווייניגער קען מען די איי־גענע קינדער. אָט, מיין אינגסטע טאָכטער, דאַכט מיר, איז קלי־גער פאר מיר... (צו ליבען וועלכע קומט אריין אין א שוואַרצען קור־צען מאַנטעלע און ש.ואַרצע גלאַטע היטעלע) וואָס האָסטו זיך דאָס אָנגעטהאָן אין שוואַרצען, אין וואָכעדיגען? (צו גאלאשין) האָט איהר ווען געזעהן מען זאָל פאַראיינס טראָגען דונקעלע פארבען?

ליבע: — איך טראָג מאַמע, די קליידער נאָך דער צייט נאָך (צו גאלאשין) געהן מיר?

גאלאשין: — מיט'ן גרעסטען פערגניגען! — (זעגענט זיך מיט אהרון און חוה), דאנקע, איך וועל מיך גליקליך שעטצען אייער אָפטער גאַסט צו זיין. (גיט עפּעס גרונען) דאַנקע!

אהרון: — קומט אָפטער!

חוה. — איהר האָט נאָך גאָר ניט אָנגעקוקט אונזער שטאָדט (געהען אַרויס בעגלייטען).

גרונע (בלייבענדיג אליין): — הוליע קבצן!... (טהוט אַ וואָרף אויפ'ן פּלאָר אַ זילבערנעם רובל, געהט און מאַכט זיך ניט זעהענדיג, פּלוצלונג בייגט זיא זיך איין חאַפּט איהם לייגט אין קעשענע, געהט צום טיש, לעקט פון די טעלערלעך די סאָק, שיט נים אין קעשענע, קוקט אין שפּיגעל). —

חוה (געהט אריין, נאָך איהר אהרון): — נו. גרונע... וואָס שטעהסט ווי אַ נאַר אויף אַ חתונה?

אהרון: — מען וואָלט בעדארפט אויסבעטען די בעט.

גרונע: — שוין אויסגעבעט...

חוה: — נאָך נעכטען... (צו גרונען) נעהם, קלייב צו פון טיש. נו, ווי געפעלט ער דיר?

גרונע: — ס'א יאָלד, מוז זיין אָנגעשלאָגען מיט געלד, ווען קומט ער ווייטער?

אהרון: — וועסט עס אַזוי גוט זיין אַ פרעג טאָן דער פריילין און אונז זאגען... (צו חוה'ן) וואָס ארט דיך, זי וועט איהם לאָזען אין מיט'ן דערינען און וועט אליין אַוועק וואו זי האָט צוגע־זאָגט. זיא איז דעם גאַנצען אָבענד געזעסען ווי אויף שפּילקעס.

חוה: — יע, כ'האָב מורא געהאַט אַז אָט, אָט לאָזט זיא איהם און געהט אַוועק.

אהרון: — נו, דאָס וואָלט איך שוין ניט דערלאָזען, אויף דערויף בין איך...

חוה: — איך בעט דיך צו פערצייהען... אַ גאַנצער העלד (צו גרונען) נעהם צו, גרונע, אַללעס אויף איין אָרט (צו אהרון) ער וועזט מיר אוים צו זיין אַ גאַנץ געשטעלטער, רעדט צו דער זאַך, הערט צו וואָס עלטערע ריידען.

אהרן: —איבערהויפּט וואָס דו — וויא זיא האָט זיך דאָס אביסעל צושאָקעלט!

חוה: — וואָס־זשע, ווי דו, פּאראומערען יענעם דעם לעבען?

אהרן (ווען גרונע טראָגט די כלים אין קיך): — איך וואָלט שווערען אַז זיא האָט זיך געקליבען אויף אַ סאַבראַניע, עפּעס „שטאָפּעטען" האָבען זיך דאָ אומגעדרייט, מורא געהאַט אין שטוב אריין געהן, זיי פערשטעהן קענטיג אַז מען האָט זיי האָלט פון וויטען...

חוה: — ס'איז אַללעס ביז אַ צייט, ווען זיא וועט אָנטרעפען איהר גלייכען וועט זיא מיט זיי ווערען אָפּ חבר.

אהרן: — בעסער וואָלט געוועזען נאָך ביז דאַן זיי אויפ'ן שוועל ניט צו לאָזען.

חוה. — בעסער זאָלען זיי געהן צו איהר וויא זיא צו זיי... האָסט געזעהן וויא ער האָט אויף איהר געקוקט?

אהרן: — האָסטו אָבער געזעהן ווי זיא האָט געקוקט? דאָ אין פענסטער, דאָ אויפ'ן זייגער, אַ גאַנצער יחוס מיט איהר! הלואי זאָל איך ליגען זאָגען — מיר וועלען פון אונזער מיזינקע קיין נחת ניט דערלעבען...

חוה: — ביים אָפּ דעם צונג. (געהן אַוועק אין שלאָף צימער).

גרונע (פון קיך קומט אריין גרונע, עפּענט פאַנאַנדער די פענסטער, זינגט שטיל):

„פון וואַנען נעהמט זיך אַ ליאיבע?
פוןריידען און פון שפּילען און פון ל־א־א־כען,
אָי, פון ריידען און פון שפּילען און פון ל־א־אכען,
אָי, אונזער ליבע האָט זיך גענומען
פון איינע צוויי ז־א־א־כען!" (2 מאָל) — — —
אהא, ער געהט!

לייזער (אַריינקוקענדיג אין פענסטער): — זעהסטו, אַז כ'זאָג צו — קום איך.

גרונע: — הערסטו לייזער, (זי רייסט איהם פאַר די האָר) ווי די גויע כראָפּעט?

לייזער: — איי, גרונע, ניט שטיף!

גרונע: — וויל איך, נו? וואַרט כ'קום שוין אַרויס, דו טופּע דאָר־

טען ניט דערווייל וויא אַ פערד. (מאַכט צו שטיל די פענסטער, דרייט אַריין דעם פייער אין לאָמפּ, געהט אַרויס, פון הינטער די קוליסען הערט זיך אַ שטילער געזאַנג) „פון וואַנען נעמט זיך אַ ליאיבע“? (פון ווייט ערגעץ אַ גארמאניקע און אַ שכור'ער געזאַנג, נאָהענט אַ בילען פון אַ הונד, מיט אַ שרעקליכען פערגיין זיך ... עס הערט זיך חוה'ס שרייען) „גרונע, גרונע, טרייב אַוועק דעם הונד! „פּאַשאָל וואָן“! (עס הערט זיך ווי זי וואַרפט עפּעס דורכ'ן פענסטער. און דער הונד פערגעהט זיך נאָך מעהר, פּלוצלונג לויפען אַרויס חוה און אהרן האַלב אָנגעטהאָן): —

אהרן: — פאַרוואָס מי האָט דאָס מורא! פּאָרט אַ אידענע!

חוה (אויפגערעגט): — פערטרייב, פערטרייב אים זאָג איך דיר!

אהרן: — וואָס פאַר אַן אָנשיקעניעם; ארום יאָגען זיך אין האלבע נאַכט נאָך הינד! (לויפט אַרויס. חוה פערשווינדעט צוריק אין שלאָפצימער דער וואָיען פון הונד הערט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער, דער לאָמפּ הייבט אָן צו כליפּען, כליפּען, דער פייער טונקט זיך, טוט אַ שטאַרקען כליפּ — און — פערלעשט זיך).

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

(פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם.)

צווייטער אקט

ביי אהרון אין סאָד. ליבע ליעגט אונטער אַ בוים און קוקט אריין אין אַ בוך. קוקט אוים פערזאָרגט. פון צווישען די ביימער, רעכט'ס, ווייזט זיך סאלאמאן אָנגעטהאָן אין אַ „אוטשע־טשעסקע טוזשורקע" אַ שוואַרצע ווייבע שליאַפּע, גאַנץ אָפּגעטראָגענע שיך. גידיכטע שוואַרצע האָר, פאַלען אין אונאָרדנונג אויף זיין הויכען שטערען. איין האַנד פערלייגט צווישען די קנעפּליך ביים האַרצען, די צווייטע אין קעשענע בלייבט שטיין ניט ווייט פון ליבע'ן, קוקט אויף איר אַ צייט דורך די פענסנע.

סאלאמאן: — ליובאָוו אַראָנאָוונא, ליבע! —

ליבע: — סאלאמאן? איך האָב אייך גאָר ניט געהערט צוגעהן, איהר זייט שוין לאַנג דאָ? (זי גיט איהם די האַנד, ער דריקט זי שטאַרק און לאָזט זיך לאַנגזאַם אַראָפּ אויפ'ן גראָז.)

סאלאמאן: — מען זאָגט דאָס דער קוקען אַ צייט פון איינעם רופט ארוים דעם צווייטענס אומקוקען זיך, דאָ איז דער פאַל ניט געוועזען אזא.

ליבע: — דאָ פעלט, ווייזט אוים, מאַגנעטישע קראַפט...

סאלאמאן: — פעלט עס ביי אונז?

ליבע: — ביי אונז? (מיט אַ לייכטען שמייכעל) איך בין דאָך דאָ געוועזען נור דער געגענשטאַנד וועלכער האָט בעדאַרפט צוגעצויגען ווערען דורך אייער מאַגנעטישען בליק, נאָר, זייט ניט אזוי צוטראָגען, ווי ביים סרעשזען זיך צום עקזאַמען. —

סאלאמאן: — איך בעט אייך, מאַכט מיר ניט פאַר אַ אינגעל... איך פּראָטעסטיר...

ליבע: — אזוי? דאָס איז נאָך יעצטיגען גייסט... גוט, פון היינט אָן און ווייטער וועלען מיר שוין מעהר ניט אינגערין אייער עלטער.

סאלאמאן: — איהר רעדט מיט מיר ווי... מיט א קינד.

ליבע: — ווי זאָל איך מיט אייךריידען, ווי מיט א טאַטען? דאָ, וועט אויסקומען מעהר שווייגען...

סאלאמאן: — אייער שווייגען... איך האָב נאָך ניט פערגעסען יענעם שווייגענדיגען שבת נאכט. ווען איהר האָט פערשפעטיגט צו אונזער פערזאַמלונג, איהר האָט אפילו ניט אָנגעגעבען דיא אורזאכע דערפון, איך האָב אַזוי געוואַרט, ווען איהר וואָלט ווי־סען וואָס איך האָב דאַן געפיהלט! ליבע, ערלויבט מיר יעצט צו שטעלען אייך די פראַגע; ווער האָט אייך דאַן בעגלייט צום פער־זאַמלונג? איהר שווייגט, איך זעה... איהר וועט עס מיר ניט זאָגען... (פּאָוזע.)

ליבע (מיט איין אויסדריק פון ענטשייטאָסענהייט): — א חתן.

סאלאמאן: — ליבע!...

ליבע: — יע, ליבע, וואָס איז?

סאלאמאן (מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען טאָן): — גאָר נישט... וואָס קען זיין... וואָס קען איך וויטער פרעגען?...

ליבע: — שוין גאָר ניטאָ וואָס? פרעגט א וועלכער ער איז, צו איז ער מיר געפעלען צו בין איך איהם צום הארצען... איהר פרעגט ניט... דאָך וועל איך אייך ענטפערען; — ער איז א גאַנץ „פּרעד־סטאַוויטיעלנער" דאכט זיך ניט קיין שלעכטער, ניט קיין נאַר, א רייכער, רעדט גוט רוסיש, וויל נדן, בראַקירט ניט מיט יחוס, אנערקענט בילדונג. צווייפּילט אין קאַרל מאַרקס נבואה, בעדויערט אָרימע, בעוואונדערט רייכע, געהט עלעגאַנט געקליידעט, רייכערט גוטע סיגאַרעטען — אויך מיט די ערלויבנים פון זיין דאמע — כאַפּט אונטערן האַנד ווען מען דאַרף, שווייגט וואו עס פּאַסט, דאַרף פערשטעהן גוט געשעפט — דאָס זאָגט דער טאַטע — איז איבערצייגט דאָס פּאַר אידען איז דאָס בעסטע צו וואָהנען אין טיעף ראַססיעיע און וואָס ווייניגער זיך מישען אין פּאָליטיקע, נו, וואָס נאָך פּאַר מעלות ווילט איהר זאָל איך אייך אויסרעכענען?

סאלאמאן: — געגוג, פּיליכט איז שוין ביי אייך בעשלאָסען.... אויב אַזוי....

ליבע: — אויב אַזוי?

סאלאמאן: — זאָל זיין מיט מזל...

ליבע: — דאַנקע, דאַנקע שעהן! (קוקט אריין אין בוך, פּאוזע.)

סאלאמאן: — וועמען לעזט איהר?

ליבע: — באַקל׳ן.

סאלאמאן: — ס׳איז לאַנגווייליג, ניין?

ליבע: — באַקל האָט געשימילט איי זיין קאַבינעט א יאָהר 20, ביז ער איז דערמיט פערטיג געוואָרען, שוין דערפאר אליין איז ער ווערט מען זאָל איהם לעזען... א יאָ איך בין א דאַנקבארע לעזערין?

סאלאמאן: — ליבע, איך האָב אייך בעליידיגט?

ליבע: — בעליידיגט, מיך, מיט וואָס?

סאלאמאן: — מיט פאַנאַנדערפרעגען זאַכען וועלכע איהר ווילט פיקייכט ניט מיטהיילען יעדען איינעם...

ליבע: — זייט איהר דען יעדער איינער? מעהר ניט... א מזל טוב האָט איהר מיר אָפּגעגעבען א צו קאַזיאָננעם, ניט אריינגעדרינגען טיעפער אין דעם ענין, נור אויך דערפאר קען מען צו אייך גאָר נישט האָבען, איהר זייט נאָך פאָרט א קינד, א קינד וועלכער איז גראַדע דערמיט ענליך צו א טאַטען, צו מיין טאַטען... (פּאוזע.)

סאלאמאן: — איך האָב שוין לאַנג בעמערקט דאָס צווישען אייך מיט אייערע עלטערען עקסעסטירען שאַרפע בעציהונגען... ליבע, וואָס וואָלט איהר געטהאָן ווען די עלטערען וואָלטען אייך צווינגען צו הייראַטהען אזעלכען וועלכען איהר קענט ניט ליעבען און... ווען איהר וואָלט נאָך דערצו געליעבט איין אַנדערען?

ליבע: — וואָס פאר א פראַגע! עס וואָלט געוועזן זעהר, זעהר טרויערי־ריג (איראָניש) איך וואָלט איינגענומען גיפט... איך, איך וואָלט...

סאלאמאן: — איהר שפּאַסט... אַלעס איז ביי אייך א שפּאַס...

ליבע: — אַלעס? ניין, ניט אַלעס, אויב איך וואָלט געליעבט איין אנדערען, אויב... אפשר ליעב איך טאַקע? איך ליעב, סאַלאמאן, און וועמען? — א וואונדער שעהנעם פאַסטוך, וועלכער האָט נאָר איין שטיבעלע אויפ׳ן גראָז דעם גרינעם... איז שטאָלץ און בראַוו, זיינע וואונדער שעהנע אויגען בעזיצען א זאַנדערבאַרע צוציהונג׳ס קראַפט, ער בעזיצט א האַרץ וועלכע ברענט, פלאַמט מיט ליעבע... מוזיקאַליש — קלינגט זיין נאָמען...

סאלאמאן: — סאשא?...

ליבע: — סאשא... א פּאסטוך?... (קוקט אַראָפּ אין בוך).

סאלאמאן: — אן ארבייטער אין א דרוק, איהר זעהט... איך ווייס..

ליבע: — אַזוי?... נו, זאָגט: „זאָל זיין מיט מזל“...

סאלאמאן: — דאָס וועט ניט העלפען... איך קען עס ניט דערלאָזען... איך וויל זיך גאָר ניט פאָרשטעלען אייך פאַר אַן אָרימען ארבייטער, א רייהע סערע פינסטערע טעג, וואָכען, מאָנאַטען, יאָהרען! די צייט פערוואנדעלט די שעהנע, שטאָלצע ליובאָוו אראנאָוונא אין א שאָטען, פאַר דער צייט פערעלטערטע פון טהייֿלען איהר לעבען מיט א פּראָליעטאריער, אַן אומגליקליכען פאַר זיך פאַר אייך און פאַר די קומענדע פרוכט פון ליעבע...“ שרעקליך!

ליבע: — שרעקליך, יע? אנו, נעהמט זיך יעצט מאָהלען דאָס פערקערטע בילד!...

סאלאמאן: — רייך מעבלירטע צימערען, דינסטען, שעהנע קליידער, פערד, פערעהרער....

ליבע: — און וואָס הערט זיך מכח ליעבע, הויכע אידעאַלען, „דינע שטאָפּען“?...

סאלאמאן: — אַלץ אין איינעם — איז ניטאָ ביי קיינעם... איהר ווייסט פון א דריטעם בילד מיר האָבען וויפיעל מאָל אָפען גערעדט...

ליבע: — יע... אָפען גערעדט... איך זאָל אייער עמוד האש זיין, וואַרטען ביז איהר וועט אין א יאָהר 10—8 ארום צוקומען צו דער פּראָפעסאָרסקע קאַפעדרע, פערלאָזען די עלטערינס הויז, ווארום אזוי לאַנג וועלען זיי ניט לאָזען „זיצען“ דינגען א „אוויוטנינקין“ חדר'ל מיט ווייסינקע פאָרהאַנקעלאך, א קליין טישעלע מיט צוויי שטוהלען איינער פאַר אייך דער צווייטער פאַר מיר. ווען איהר ווערט פריי פון אייערע שטונדען דאָס הייסט, פון נעמען אַן אוראָק און געבען אוראָקען — קומט איהר צו מיר, נעמיצן מיר זיך פאַר די הענד, קוקען זיך אריין אין די אויגען. דערצעהל איך עפּעס — הערט איהר, רעדט איהר — הער איך; לעזען מיר ביידע איין זאַך, קעמפּפען גלייך — מען הערט, מען רעדט, מען קעמפּפט און שווייגט ביז... טאָג... נעמט איהר

זיך פאַר אייערע שטונדען און איך... וואָס דאַרף איך טהאָן?
אויך שטונדען אָדער... ס'איז גלייכער צו ווערען אַ מאָדיסטקע?
„פיקאַנטנער" פון אַ מאָדיסטקע ארויפאַרבייטען זיך אויף אַ
פּראָפעסאָרשע... אזוי מיין סאָלאָמאָן מודרי?

סאָלאָמאָן: — וואָס פאַר טאָן און בעלייכטונג... יע... בעלייכטונג האָט פיעל וואָס צו זאָגען...

ליבע: — יע... דער פאַקט אָבער בלייבט דער זעלבער... מיין עלטער באָבע עליה השלום, פלעגט זאָגען דאָס בוריקעס מיט ברויט איז אַ גוטע אַכילה. ווען אַ קינד פלעגט ביי איהר בעטען עסען פלעגט זי זאָגען: „נעהם בוריקעס מיט ברויט און עס" איז אָבער דאָס קינד געווען „ניט אין גאַנצען" פלעגט זי זאָגען „נעהם בוריק־לאך מיט ברויט, מיין קינד, און עס"... איהר לאַכט, אַ?...

סאָלאָמאָן: — דאָס איז אַ משל!

ליבע: — יע, (מיט אַ טאָן פון אַ מגיד) דער נמשל איז, דאָס אין דער באָבעס נגון איז טאַקע געלעגען אַ טעם, אָבער די בוריקעס זיינען ניט געוואָרען אוים בוריקעס...

ראיסא (אַ ניעדעריגע בלאָנדינקע, אין אַ העל בלויע קלוידיל לויפט צו זיי מיט עפּיל): — נאַט אייך, נאַט אייך, זיצען זיך ווי אדם מיט חוה'ן אין גן־עדן...

ליבע: — און געניסען ניט פון עץ הדעת...

ראיסא: — ביז... איך וויז זיך...

סאָלאָמאָן: — און... ווערט וואו צוויי, אַ דריטע....

ליבע: — ראיסא, איהר זייט ביי אונז געווען? איז ווער געקומען?

ראיסא: — ניט איבערצוציילען! סערגיי פעטראָוויטש, סאשא, פעטערס, מוהמעס, קינדער, די מוהמעס ריידען און בעריידען, די פעטערס גיבען קאָנסטיטוציעס, די קינדער שפּיעלען אין רעוואָ־לוציע סערגיי פעטראָוויטש האָט זיך צונויפגעטשעפּעט מיט גרונען פאַר דער בונדאָווסקע „טשעארע" און סאשא האָט זיך פערקליבען צו אייך אין צימער, קריכט אויף די ווענט, זוכט אויפ'ן לאַנדקאַרטע טעריטאָריעס, דאָס מוז זיין (צו סאָלאָמאָן) דורך אייער רעקאָמענדאַציע... (צו ליבען) איהר ווייסט? מען וויל מיך מאַכען פאַר איין אמת'ע אידישע טאָכטער...

סאלאמאן: — עס וואָלט ניט שאדען איהר זאָלט בעסער פער־שטעהן וואָס ס'הייסט א אמת'ע אידישע טאָכטער...

ראיסא: — א אידישע טאָכטער הייסט ניט, א אידישע טאָכטער הייסט מען; זי דארף פאָלגען וואָס טאטע־מאמע און גוטע פרומע ליט הייסען איהר צו גוטען טהאָן, זיין... א פערברענטע פועל־ציון'צע....

סאלאמאן: — בעסער ווי א ניט דערבאקטע רעוואָלוציאָנערקע... (צו ליבען) איז דאָס אויך דורך... רעקאָמענדאציע?

ליבע: — דאָס דארף זיך ניט און ס'טוט זיך ניט דורך רעקאָמענ־דאציע.

סאלאמאן: — רופט עס אגיטאציע, פראָפאגאנדע, איינפלוס...

ליבע: — קומען פון דעם אייך אייערע איבערצייגונגען?

סאלאמאן: — מיינע פון די אומשטענדען, פון די ביטערע ער־פאהרונג ביים יאָגען זיך דרייען די גרויסע היסטאָרישע ראָד פון פראָגרעס....

ליבע: — און דאָס האָט אייך געפיהרט צו לאָזען די ראָד און אוועק מאכען פאר זיך רעדליך... (פאוזע) פאר מאנכע איז צו לאנגוויי־ליג דאָס גאנג פון'ם ראָד, אנדערע קלעקען קוים פאר די רעדלאך... ווען א גרויסע שיף טרינקט זיך, לאָזען זיך דאן רעטען א שי־פעל?... מען טשעפעט צו דאָס שיפעל צום שיף...

סאלאמאן: —עס טשעפעט זיך ניט, די שיפעל ווערט געשליידערט אין אלע זייטען, קען ניט ווי דאָס גרויסע שיף אויסהאלטען א שטורם, — האלט ביים אונטערגעהן...

ליבע: — איהר האָט געזאָגט דאָס ס'האלט ביים אויפלעבען...

סאלאמאן: — יע, ווען אונזערע זאָלען ניט אוועק צו די גרויסע שיפען, ביסליך־ווייז ערוואכען אונזערע שווימער, זעהן איין דאָס מען קען דערטרונקען ווערען דרייענדיג זיך איבער א קעסיל־גרוב. ביי אנדערע בעוועגט זיך עפּעס, זיי ווייסען נאָך אליין ניט וואָס, עפּעס — וואָס טרייבט זיי קריכען אויף די ווענט זוכען טיערי־טאָריעס אָן רעקאָמענדאציעס... מען איז פערבלענדעט פון גרויסען קאמפף! עס קען זיך אויסלאָזען ווי מיט יענע שטעדטיל איינ־וואהנער וועלכע האָבען געוואָלט אָפּשטופּען די בערג אום גראָמער

מאַכען זיך, — איינגעשפּאַרט מיט אַלע כוחות, פון היטץ ארונ־טערגעוואָרפען פון זיך די זאַכען און — אז זיי האָבען זיך דער־נאָך אָפּגעקעהרט אויף צוריק, די זאַכען ניט געזעהן — האָבען זיי מיט ענטציקונג אויסגעשריהען: „אוהא ווי ווייט מיר האָבע; פערשטופּט די בערג, אזוי ווייט אז, ס׳זעהען זיך שוין די זאַכען ניט!“

ראיסא: — און די זאַכען... חא־חא־חא, האָט מען פשוט... צוגע־גנבה׳ט?

סאלאמאן: — יע, פרעגט בעסער צו האָט ביי אַלע בערג שטופּער געפעלט די זעלבע צאָהל זאַכען.

ליבע: — ווער קען עס אין טומעל וויסען וויפיעל וואָס ביי וועמען עס פעהלט...

סאלאמאן: — גיט צו דאָס ס׳איז א גרויסער צער אויפ׳ן גנב, דעם נעבאַכדיגען פּראָדוקט פון די עקאָנאָמישע אומשטענדען. מען דאַרף בעסער לערנען אין וועלכען זייט דער חיה צו גלעטען דעם שערסט, אויפקלעהרען, זאָגאַר ליעבען!...

ליבע: — עס קומט אָפּט אוים איבערצוטראָגען די ליעבע פון מענ־שען אויף חיות....

סאלאמאן: — און אויסשטרעקען די ארמס פאַר א גאַנצע חן׳ודיגע סמעס חוליגאַנסקע... און ווען זיי וועלען זיך בשעת׳ן ווארימען אומארמען צובונטעווען אונטער אייער אידישען נאָז, האקען, ברענען, מאָרדען, שענדען דאַן... ריידען זיי פון גלייכהייט, ברי־דערליכקייט, גערעכטיגקייט, פון גאָט פון ליעבע!...

ליבע: — מען דאַרף זיי עפענען די אויגען אויף די אין וועמעס הענד זיי זיינען צו געוואָר געגען אונשולדיגע.

סאלאמאן: — איהר זיי, די אויגען, און זיי אייך, די מוחות...

ליבע: — עס איז אָבער אונמעגליך, אוממעגליך צו געהן געגען שטראָם!

סאלאמאן: — ווילען דאַרף מען האָבען, גלויבען, נאַציאָנאַלען שטאָלץ!... פאַרוואָס דער בריינגען צו די שטאַרקע פרייהייט און צו די יאוואַכע טויט?!

ליבע: — יע.. ווען די וועלען שלעפּען אהער — די אהין וועט ארויס־

קומען ווי אין קרילאָוו׳ס באסניע (פאבעל) מיט׳ן ליעבעד שטוּ־
קא אי ראַק״...

ר א י ס א : — אָבער מיר וועלען זיין די ליעבעד׳ן... (צו סאָלאמאן) איהר זייט דער ראַק, איהר ציהט זיך צוריק אין׳ם היילינ לאנד...

ס א ל א מ א ן : — טו קומט טאַקע מיט אונז איידער איהר דערגרייכט די וואָלקענס... (קוקט זיך אַרום אויפ׳ן זייגער, טוט זיך אַ כאַפּ) פער־שפּעטיגט אַן אורעק. (זעגענט זיך, געהט לינקס).

ר א י ס א (צו ליבען) : — אָי, כ׳האָב איהם גאָר פערגעסען זאָגען וועגען אונזער שכן׳ס אינגעל, ער קען ביי זיי האָבען אַ גוטען אוראָק.

ל י ב ע : — דעריאָגט איהם און זאָגט. (ראיסא אָפּ.)

פון צווישען די ביימער, רעכטס, ווייזט זיך סאשא אין אַ שוואַרצע סאַטינקענע העמדיל מיט אַ שוואַרצען זיידענעם שנור אַרום טאַליע מיט קוטאַשען, אַראָפּגעהאָנגען ניעדעריג ביי׳ם זייט, טראָגט אויפ׳ן האַנד דעם פּידזשאַק, איז זעהר סימפּאַטיש, מיט זעהר שעהנע ברוינע האָר, פערטראַכטע אויגען...

סא ש א : — זדראַווסטוואַיטיע ליובאָוו אראַנאָוונא! (דריקט שטאַרק איהר האַנד מיט אַ שלעפּ צו זיך, טהוט אַ וואַרף דעם פּידזשאַק, ציהט זיך אויס אויפ׳ן גראַז, דרייט די קאָפּ אין אַלע זייטען) — וואָס איז דאָס עפּעס כאַלאמאן אזוי אַוועקגעלאָפען?

ל י ב ע : — אַוועקגעגאַנגען...

ס א ש א : — וואָס מאַכט׳ס אויס, איך וואָלט איהם וועלען זעהען...

ל י ב ע : — ער איז נאָך ניט ווייט, איהר קענט איהם דעריאָגען.

ס א ש א : — איך האָב מיך פיינט צו יאָגען....

ל י ב ע : — און דאָס איז גוט... ווייל עס וואָלט אויסקומען דאָס די וואָס לויפען זאָ ווי זאָ, אַנטלויפען עס פון אייך (אַ לאַנגע פּאוזע ליבע קוקט ווייט פאַר זיך, סאשא בייסט ניערוועז גרעזעליך) —

ס א ש א : — ליובאָוו אראַנאָוונא, ניין, ליובא, ערלויבט מיר אזוי צו רופען אייך — וואָס זאָל טאָן אַן אַרבייטער, ווען ער פערליעבט זיך אין אַ בורשואַז׳ס אַ טאָכטער? . . .

ל י ב ע : —אויב ער בעלאַנגט צו אַ דיסציפּלינירטע פּאַרטאַי, וואָלט דאָס בעסטע געווען עס אָנצופרעגען אין זייער צענטראַל־קאָמי־טעט... (שמייכעלט).

סאשא: — איהר פערשלעפּט די רייד אן אַ זייט.. (שטילער) — וואָס זאָל דאָס בעדייטען, ווען מען בעגעגענט אַ מענשען און ס'הייבט שטאַרק אָן קלאַפּען אין הארצען? אין די אויגען ווערט פינסטער, די פּיס בייגען זיך די קאָפּ דרייט זיך... ווען איך האָב אייך בעגעגענט מיט יענעם זאַטען, צופרידענעם קאַוואַליער איז מיר אַזוי געוואָרען... נאָך ערגער ווי ווען איך בעגעגען פּלוצלונג אייך אליין... ווען איהר זייט שוין אַוועק ווייטער, האָב איך מיר געלאָזט געהן צו אייך, אונטערן פענסטער, וואַרטען. וואַרטען! אויף וואָס? אַרום איז געוועזען שטיל... אַ הונד האָט זיך פערגאַנגען מיט אַ מאָדנעם סאָרט וואָיען. מען זאָגט דאָס אין דער הויז, לעבען וועלכער אַ הונד פערגעהט זיך אַזוי, מוז אימיצער שטאַרבען. איך גלויב ניט אין די זאַכען, נאָר מאָדנע, איך האָב דאָס אַזוי ניט געקענט הערען... בין אַוועק ווייט, זיך אומגעדרעהט אין די גאַסען אָן אַ ציעל... פּאָליציי האָט מיך אָפּגעשטעלט און, פריי געלאָזען, צו וואָס, צו וואָס דאַרף אַ מענש אָן אַ ציעל פרייהייט?... (פּאָוזע, ער גראָבט איין די געזיכט אין די הענד.)

ליבע: — סאשא.....

סאשא: — ווען איהר רופט מיך אַזוי ווילט זיך מיר אַזוי וויינען...

ליבע: — איך וואָלט מיר קיינמאָל ניט שיינקען ווען איך וואָלט אייך מאַכען גלויבען אין אַ זאַך וועלכע איז אוממעגליך צו פערווירקליכען... ביי אייך צונעמען גלויבען, הייסט צונעמען אַלעס, איהר לייגט אריין אין איין געפיהל די קאָפּ, די הארץ דעם גאַנצען „איך"... איהר וואָלט ליידען און, איך וואָלט ניט וועלען איהר זאָלט ליידען.

סאשא: — אוים מיטלייד? — נאָר ניט דאָס, ניין, איך בעט ניט, איך וויל ניט!

ליבע: — ווי איהר ווילט... איך קען מיינע לעצטע ווערטער, אויב איהר פערשטעהט זיי שלעכט, צוריקציהען...

סאשא: — אַבי איך זאָל זיך אָפּטשעפּען פון אייך...

ליבע: — האָט איהר זיך דען צוגעטשעפּעט? ווער זאָגט עס? פּאַרקעהרט, איהר זייט איינער פון מיינע אונהעפליכסטע, נומיר זאָגען, קאַוואַליערען, און גראד דאָס געפעלט מיר אין אייך... איהר

האָט אַזאַ רעכט צו ריידען ווי אַנדערע, נאָר דאַרף דען דער שטאָלץ זיך פיהלען אַזוי בעליידיגט ווען געוויסע געפיהלען געפינען ניט קיין געווינשטען אָפּקלאַנג אין אַ צווייטענס האַרץ?

סאשא: — איהר הייבט מיך ניט אָן צו פערענטפערען?.. וואָס נאָך וועט איהר זאָגען?

ליבע: — וואָס נאָך?... (זי פערטראַכט זיך אַביסעל) — אַ זאַך וואָס איך האָב נאָך ביז יעצט ניט געזאָגט... איך האָב געליעבט אַ מענשען... בין גרייט געוועזען פאַר איהם זיך צו אָפּפערען, און ער, סאַשאַ, האָט עס געוויסט און, זיך אָפּגעקעהרט פון מיר. וואָס האָב איך געזאָלט טהאָן?

סאשא: — זיך אָפּגעקעהרט.... פון אייך?!— ווער איז דאָס געוועזען?

ליבע: — וואָס מאַכט עס אויס, איך פרעג נור, וואָס האָב איך בעדאַרפט טהאָן?

סאשא: — ער האָט אייך געוויס ניט פערשטאַנען... איהר האָט איהם נעדאַרפט פערגעסען... איהר שמייכעלט... אייך אַרט עס ניט. אָה, איך פערשטעה, איהר האָט עס נאָר וואָס אויסגעטראַכט צוליעב מיר, פאַר מיר, קונציג! קונציג, ליובאָוו אַראַנאָוונאַ! איהר זייט אַ גוטע אַקטריסע... איך געה אַוועק און, דוקא אין צייט... אָן קומט אָן אַנדערער... ליו־ב־אָ־וו, אייער נאָמען איז ווי אָנגענומאָס־טען פאַר אייך. שפּיעלט זיך מיט די הערצער פון ערינסטע אַר־בייטער, אינטעליגענטין, לומפּען פּראָליעטאַריער...

— פון רעכטס קומט סערגיי פעטראָוויטש, אַ בלאָנדין, הויך, בייגזאַם, אָנגעטהאָן נאָך דער מאָדע, די קאָפּ פערוואָרפען אַביסעל אָן אַ זייט. —

ס. פּ. . — אייביג וועגען דאָס זעלבע: אַרבייטער, אינטעליגענטען לומפּען פּראָליעטאַריער, עט. אַלעקסאַנדער מאַקעדאָנסקי איז גע־ווען אַ גרויסער מענש, אויף אַזעלכע זאַכען אָבער, האָט ער די ציינער ניט געבראָכען!...

סאשא: — און איהר קענט צוברעכען... (וויל אַוועקגעהן).

ס. פּ. : — עי, איהר יאָסיף פּרעקראַסני, איהר האָט פערגעסען — אייער מלבוש! (נאָכקוקענדיג סאַשאַ'ן ווען ער נעהמט דעם פּידזשאַק און געהט לינקס) — מאָדנע סוביעקטען זיינען זיי, די אַרבייטער, קיין טאַקטיק, און וואָס ווייטער ענטוויקעלט זיך אין זיי מיט אַ

טייפילשער שנעלקייט די זעלבסט־אנערקענונג וועלכע דערגעהט שוין ביז צום קריינק זיין!

ליבע: — דאָס איז ווייל וואָס ווייטער דערקענען זיי מעהר „סוב יעקטען" פון אייער סאָרט...

ס. פ.: — איהר שניידט זיך, דוכט זיך, אויף זייער שניט...

ליבע: — דאָס איז, ווייל איך דערקען זיי מעהר...

ס. פ.: — גמ... וואָס געפינט איהר אין זיי, מעג איך פרעגען?

ליבע: — ערינסטקייט.

ס. פ.: — א שעהנער וואָרט (פרומקוקענדיג זיך) — ליובאָוו אראַנאָוונא, קומט ווייטער, דאָרט איז בעסער.

ליבע: — ס'איז דאָ אויך גוט...

ס. פ.: — ליובאוו אראנאָוונא, פארוואָס זייט איהר אזא.. שלעכטע?

ליבע: — לאָזט צורוה. סערגיי פעטראָוויטש, איך בין ניט אויפגיצ־לייגט צו שטויכען וואסער.

ס. פ.: — שטויסען וואסער?... קען מען פון מיינע רייד גאָר־נישט ניט ארויסטראָגען?

ליבע: — יע... מען קען.

ס. פ.: — מעג איך פרעגען — וואָס?

ליבע: — קאָפּ שמערצען.

ס. פ.: — ווי איך זעה האָב איך אייך היינט געטראָפען מיט פאר־טיגע קאָפּשמערצען...

ליבע: — יע, געטראָפען...

ס. פ.: — ליובאָוו אראנאָוונא, וואָס איז מיט אייך? (ער פאַלט אויף די קני כאַפּט קושען איהר האַנד, זי שטעהט שנעל אויף פון גראָז, ער קוקט פערלאָרען; פון ווייטען, רעכטס, ווייזט זיך גרונע, זי זינגט:)

גרונע: — „שטעהט אויף איהר אונטערדריקטע נאַטשיעס,
אַי, מאַכט צו דער הערשאַפט אַן עק, אַן עק!"

(ליבע געהט איהר אַנקעגען, ריידען עפּעס שטיל, פון לינקס קומט ראיסא, צו ליבען) —

ראיסא: — הערט, וואָס איז דאָס מיט סאשען, ער ליעגט דאָרט די קאָפּ איינגעגעגורעט אין דער ערד, וואָס איך האָב איהם ניט געשלעפּט — האָט ער זיך ניט געוואָלט אָפּקעהרען.

ליבע: — ראיסא... טהוט א געפעליגקייט, נעהמט זיי צו פון דאנען, איך וויל דא בלייבען אליין... ביי אונז איז היינט א פאמיליען ראטה, די גאנצע משפחה וויל פון מיר נחת האבען... היינט מוז ענטשיידעט ווערען „ווער — ווען"... מען קען נאך קומען אהער און... ביי אונז קען פארקומען... א הייסע דעבאטע... איהר פערשטעהט?

ראיסא: — איך פערשטעה... איז... ווי אזוי צונעמען זיי פון דאנען?

ליבע: — בעט זיי אוועקגעהן ווייטער... איהר וועט שוין זעהן ווי...

ראיסא: — אויב זיי ווילען דוקא ווילען געהן אהער, וועל איך זא-גען דאס איהר ווילט עס ניט...

ליבע: — אויך רעכט.

ראיסא געהט צו ס. פ. מיט איהם לינקס. — רעכטס קומען אן אהרון, חוה און ר' זלמן. —

אהרון: — וואס ווייס ווער וואס פאר א כלאפאט מען האט מיט א סאך! דאס קאסט אפ א שלל מיט געלד. ווען וועט עס בליי-בען? אלץ פאר קינדער, קריגסט פון זיי דערפאר א פאדיאקע!

חוה: — גרונע, געה אין שטוב אריין!

גרונע: — איך געה, איך דארף אבער אוועקגעהן (געהט אוועק רעכטס)

אהרון: — נ, נ, זיינען מיר געבענטשט מיט א דינסט... דאס מאכט דעם „יתום" טויזענד מאל א טאג די מיתה, אויף „שביראניעם" געהט דאס, ס'א קלאג צו פרעה'ן אז מיקיטע איז א סטארעסטע שא, אט איז אונזער דאטשניצע... דעפוטאציעס דארפען צו איהר קומען, ווי צו גראף וויטטע, וואס קלערט זי זיך וואלט איך גערין וויסען!

חוה: — ער הייבט גלייך אן פון לינקען זייט... אז ס'העלפט ניט מיט גוטען, געהט מען מיט בייזען...

אהרון: — צו וואס מיר די פאליטיקע? (צום שדכן) הערט איהר? ווען איך בין אלט געווען א יאהר 35 האט מיר מיין מאמע גע-געבען א פאטש....

ר' זלמן: — וואס אז שייך, א מאליגע יאהרען...

חוה: — א גוטען העלפט א ווארט, א שלעכטען, קיין קלעפ אויך ניט..

אהרון: — מען מוז ארויסטרייבען דעם דור פון קאפ (צו ליבען) איך זאג דיר אן מיט הארבע ווערטער, געה מיט גוטען (העכער) קום אין שטוב אריין!

חוה: — ליבע, מאַך ניט קיין לייטישע געלעכטער, מעגסט צוהערען אמאָל וואָס עלטערע זאָגען, קיין מאַנאַשקע וועסטו דאָך ניט ווערען (צום שדכן) איך האָב גאָר ניט געוואָגט מיינע עלטערען צו זאָגען אַ דעה, וואָס געהייסען, דאָס געפאָלגט, שאַ, שטיל ווי אַ קאַטשינקע.

ליבע: — ביזטו גליקליך...

חוה: — געוויס גליקליך... ווער וואָלט דאָס מיך איצט נעמען אַזאַ אַלטע אַן ציינער? (שדכן הוסט און לאַכט.)

אהרון: — ניט געפעלען איהר וואָס די מאַמע האָט דעם טאַטען גענומען! —

ר' זלמן: —עט, וואָס איהר רעדט, אַן עברה די צייט כ'לעבען, אַט לאָזט בעסער מיך רעדען.

(אהרון און חוה געהען אָפּ, שפּאַרען אונטער די ביימער, ריידען).

ר' זלמן: — מעג איך אייך פריילין עפּעס פרעגען? וואָס ענטפערען דעם הערר גאַלאַשין?

ליבע: — איהר ווייסט שוין וואָס.

ר' זלמן: — ע, ער ווייס דאָך אַז מען האַלט מיט איך יע ביי אַ שדוך? ער לאָזט דאָך מיך ניט רוהען (שטילער) הערט אַ בעסערע מעשה ער שטימט איין אויף אַ העלפט צו נעמען וועקסלען, „דער מענש, זאָגט ער — איז מיר געפעלען, חאָטשי זי איז פערמישט אין די היינטיגע אומגליקען, פּאַרטייען, און אַז זיא וויל וועקסלען — זאָל זיין וועקסלען... מען רעדט דאָך איהם מיט וויפיעל מאָל אַזוי פיעל און ער וויל קיינעם ניט אָנקוקען, גלייך — זאָגט ער — פיר איך זיא אַוועק אין ראַססיעיע און זי וועט ביי מיר לעבען ווי אַ פייגעלע אין אַ נעסט (שטילער) איהר ווייסט אַ סוד? אייער פאָטער האַלט מיט די געשעפטען גאָר שמאָל, ווען מען לאָזט אָפּ דעם שדוך — קען ער באַנקראָטירען... איהר פערשטעהט?

ליבע: — וויפיעל קען דער שדוך אַריינברייינגען מיין פאָטער?

ר' זלמן: — וואָס הייסט? אָסור אויב איך פערשטעה וואָס איהר מיינט?

ליבע: — איך זעה דאָס... וויפיעל קען איך יעצט אָפּקאָסטען מיינע עלטערען?

ר' זלמן: — ס'א שאלה דאָס איז אביכעל! זאָל איך דאָס פאַרדינען אַלע יאָהר.

ליבע: — איז זאָלען זיי מיט'ן נדן פערבעסערען די געשעפטען...

ר' זלמן: — איהר רעדט דאָך ווי א קינד... פריהער — שפּעטער — עס וועט דאָך מוזען קאָסטען!

ליבע: — הערט, איך בעט איך ווייטער, מיידט אוים אונזער הויז.

ר' זלמן: — ס'טייטש, ס'טייטש, אזוי פיעל געגאַנגען, געפאָהרען, צום סוף...

ליבע: — וויפיעל האָט דאָס איך געקאָסט?

ר' זלמן: — עט, ווער וועט מיר אויסצאָהלען?

(ליבע נעהמט שנעל אַרויס פון טייסטעריל אַן אַסיגנאַציע, גיט עס אים, ער נעמט עס זעהר אונגערען, עס קומען צו נאהענטער אהרון און חוה).

אהרון: — נו, אָפּגערעדט? געפּועל'ט?

חוה: — פרעמדע קענען ביי היינטיגע צייטען מעהר פועל'ן וויא אייגענע...

ר' זלמן: — כ'וויי, נו, פריהער, שפּעטער... גאָרנישט (הוסט) מיר איז שוין לאַנג צייט אַהיים...

אהרון: — וואָס האָט זי איך געענטפערט?

חוה: — קענסט דאָך ביי איהר פרעגען (צו ליבען) וואָס פאַר אַן ענטפער?

ליבע: — דאָס... מען האַלט ניט ביי א שדוך...

חוה: — וואָס הייסט? א מענש וואַרט דאָך!... וואָס גיסטו מיר אַז איך הייס איהם אַהער קומען און ענטפער איהם, און רייד מיט איהם!

ליבע: — איך האָב מיט איהם ניט וואָס צו ריידען.

אהרון: — מיט סאַשקען, מיט'ן לעהרער'ל אַן שיך, מיט ראַיסא'ן — און „סערגיי פּעטראָוויטש" אַנדערס לייענט עס ניט א רוח אין זיין טאַטענס טאַטען אריין — מיט זיי קען זי ריידען אָן א סוף, אָן אַן אויפהער און מיט איהם האָט זי ניט וואָס צו ריידען!

ר' זלמן: — נו, האָט מיר א גוטען (וויל אַוועקגעהן.)

חוה: — געהט אריין, זייט מוחל, אין הויז, מיר וועלען גלייך אונטערקומען (שדכן אָפּ.)

אהרן: — וואָס איז דאָס פאַר אַן ענטפער, זאָג מיר!

ליבע: — צו וואָס אַזאַ טומעל, מען זאָל זיך צונויפלויפען?

חוה: — צו וואָס איז טאַקע דער שרייען?

אהרן: — אַז זיא האָט מורא פאַר אַ טומעל — טו זאָל זי צו דעם ניט ברייגגען, איך וועל איהר ווייזען ווער עלטער איז.. (צו ליבען) זאָג מיר נאָר, וועסט פאָלגען וואָס מען הייסט דיר?

ליבע: — וואָס?

אהרן: — ניט פערשווארצען מיר די אויגען.

ליבע: — מיט וואָס?

אהרן: — וואָס, וואָס, וואָס מיט וואָס, וואָס מיט דאָס, אָט מיט וואָס! זי פרעגט נאָך, מיט דיין באָסע קאָמאַנדע, סאָבראַניעס, מיט'ן זוכען מקום מנוחה'ס פאַר דיין „מענשהייט“ מיין וועלט פאַרזאָרגערקע! (צו חוה'ן) לייגגער בעגעגענט מיר דער פריסטאוו און זאָגט מיר אַ סוד אַז מיין טאָכטער איז אַ צו גרויסע „פאַני־בראַטיע“ מיט די היינטיגע, די „בונטאָוושטשיקעס“, „זעה בע־סער, זאָגט ער, היט זי דו איידער מיר זאָלען זי דאַרפען היטען, ס'געהערט אַביסעל? וואַרט, זי וועט פערפינסטערט ווערען אין אַסטראָג! (צו ליבען) שוין גען אין שטוב אריין, צום לעצטען מאָל זאָג איך...

ליבע: — איהר טאָרט מיך ניט צווינגען, איך וויל זיין פריי.

אהרן: — און זיצען אויף מיין קאַרק? פריי!

ליבע: — איך וועל אַרבייטען, ווי אַנדערע. —

אהרן: — זאָג נאָר, מיר וועלען דאָ אַ סך טענה'ן?

גרונע (פון וויטען): — די געסט ווילען זיך צוגעהן, מען רופט אייך! — (אָפּ.)

חוה: — נו ס'וועט שוין נעהמען אַ סוף?

אהרן: — עס וועט נעמען... אַהער אָדער אַהין (צו ליבען) קלייב זיך אויס איינס פון דאָס ביידע, אָדער טוה וואָס מען הייסט, אָדער דיין זוואַניע, דיין דוך זאָל מיר דאָ ניט זיין!

חוה: — ליבע, בערעכנען נאָר צו וואָס וועט דאָס ברייגגען?

אהרן: — ניטאָ קיין בעטען זיך, אָן לאַסקעס, אַזוי אָדער אַזוי (צו ליבען) ווילסט פריי זיין? טוה גען, גען דיין זוואַניע זאָל מיר

דאָ ניט זיין! (ווען זי מאַכט אַ בעוועגונג ווי צו געהן.) געהסט טאַ־קע? כאַפּען פרייהייט מיט דיין באָסע קאַמאַנדע? טו נאַ־שזע דיר אויפ׳ן וועג!

(ער גיט איהר אַ פּאַטש, חוה שלעפּט איהם ערשראָקען פאַר׳ן האַנד, ווי אַ מיעדער פערלאָזט ער די סצענע, נאָך איהם חוה.)

ליבע בלייבט שטעהן גלייך, אָטהעמט שווער, איהרע ליפּען ווערען פערקרימט אין אַ קריינקען שמייכעל. די האַנד נאָר וועלכע כאַפּט אָן קראַמפּהאַפט די ווענטעל פון באנק — ציטערט . . . .

(פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם.)

דריטער אקט

ליבעס קוואַרטיר. לינקס אַ בעטיל, דערביי אַ שירמע, אַ טישעל, אויף איהם אַ לייכטער, ליכט א. ד. ג. אַ שיסעל מיט אַ קרוג, דערביי אַ וויסער האַנדטוך; רעכטס היינגען פּאָליצעס מיט ביכער, אייניגע שטולען; אין מיטען אַ טיהר, פיהרט צו אַ פינסטערען קאָרידאָר, ביים פענסטער — אַ גרויסער טיש מיט ביכער, פּאַפּירען, אַ גלאָבוס, אַ ניעדעריגער לאָמפּ מיט אַ גרינעם קאָלפּאַק.

ליבע זיצט ביים טיש און שרייבט, די האָר פערלייגט אין אַ שווערע ניעדעריגע „פריטשאסטקע", אין אַ שוואַרצע קלייד און „קאסאווארטקע".

ראיסא איינגעהילט אין אַ גרויסע טוך, לעזט אַ בוך, אין צימער איז שטאַרק דונקעל.

ר א י ס א: — אי, עי, וואָס זיי זיינען די ערגערע העלפט! — פאר וואָס שווייגט מען דאָס?

ל י ב ע (שרייבענדיג): — אנו, ערמונטערט אונזער בעסערע העלפט צו אַ רעוואָלוציאָן...

ר א י ס א: — און וואָס מיינט איהר? ווען אַלע זאָלען שרייען... אפילו איינצעלנע, וואָלטען אייך א סך געקענט אויפטהאָן.

ל י ב ע: — איינצעלנע... טשוכען זיך... אנאליזירען, רעאליזירען, פיהרען שוין אַרוים גאַנצע קופּעס מיסט אויף דער ביהנע, דערווייל בעפּוצט מיט פּאָעזיע, בעלויכטען מיט שעהנע פייערליך, אונטערגעשטויסען מיט גאָט. —

ר א י ס א: — יע, ס'איז געוואָרען א מאָדע, שטודירען די פראגע, מיר פערמאָגען א סך ערנסטע סטודענטען. (לאַכט סאַרקאַסטיש).

ליבע שטעלט זיך, הויבט אויף העכער די סטאַרע — די פענסטער איז פערפראָרען — זעצט זיך צוריק, טראַכט, בוקעט זיך אין די פויסטען, נעמט די פעָן און שרייבט ווייטער.

ר א י ס א: — נעכטען האָט מען ביי גריגאָר'ן גערעדט איבער די זאַכען, זיי רופען דאָס „פרייע ליבע"... אָי, סאַשאַ קוקט אויס אַזוי שלעכט... ער וועט פון זינען אראָפּ...

ל י ב ע: — ראיסאַ... איך האָב איך געבעטען...

ר א י ס א: — שוויינען? איהר בעט שווייגען, זיי — ריידען, ווייס איך ניט וועמען נאָכצוגעבען. איך קען ניט זיין גלייכגילטיג ווען מען ריהרט אָן אייער פערזאָן, בודטאַ־בי איהר שפּיעלט זיך מיט הערצער....

ל י ב ע: — ניין, ניין איך בין מיט זיי קיינמאָל ווייט ניט אוועק, (געהט אום נערוועז איבערן צימער) אפשר... האָט דאָס זיי צוגעצויגען?... איך האָב געליעבט נאָר איינצעלנע שטריכען פון זייערע כאַראַקטערע... ווער ווייס? ווען איינער פון זיי וואָלט בעזיצען די בעסערע אייגענשאַפטען פון די אַלע — צוזאַמענגענומען וואָלט פיליכט דער איינער געווען עהנליך צו יענעם גאַנצען מענשען וועלכער... וועלכער זאָל זיין שטאַרק גענוג צו פיהרען, ניט נאָר געפיהרט אָדער פערפיהרט ווערען, פאַר א וועלכען עס זאָל זיך וועלען, דאַן, ווי איהר זאָגט: ווען דאָס הארץ ביינקט, נאָגט, וויינט — א וואָרף טאָן זיך, קניהען, שטאַרבען!... אזא האָב איך ניט בעגעגענט... וועל קיינמאָל ניט בעגעגענען...

ר א י ס א: — די פערשטעהען איך ניט...

ל י ב ע: — און איך אליין? — איך הויב זיך אויך אָן ניט צו פערשטעהן, און צווייפעל אויב איך האָב זיך ווען יאָ פערשטאַנען... מיר דאַכט, איך זוך עפּעס א גלייכער'ן וועג, און זוכענדיג, פערקריך איך אַלץ ווייטער... אַלץ ווייטער...

ר א י ס א: — ווי לעבעדיג עס איז געווען א מאָל, און ווי טויט ס'איז יעצט, עפּעס זיינען אַלע געוואָרען אַנדער־ע, ווי מען וואָלט זיי פערביטען... וואָס וועט דאָס זיין! הא?

ל י ב ע: — גאָרנישט וועט זיין... עס איז טויט ארום; אין קאָפּ א מיש־מאַש, אין הארץ — א בית עולם, וואָס ווייטער קומען צו מעהר קברים, מעהר שטיינער; שווער ארומצוטראָגען זיך מיט טויטע... און די שטיינער פרעסען, דריקען דאָס הארץ... (פּאַוזע).

ר א י ס א: — עס ווערט פינסטער... איך וועל געהן נעמען גאַזע (נעמט אליין פון א שקאַטולקע קליינגעלט, געהט שטיל ארויס).

גריגארי (אַרומקוקנדיג זיך): — היינט אָבענד צו דער בעשטימ־
טער צייט, וועט איהר בעקומען דעם רעוואָלווער און וויסען די
מינוט ווען ער וועט ארויספאָהרען... האָט איהר וואָס אָנצוזאָ־
גען? וואָס איבערצוגעבען? ניין... (זיא דרייט מיט'ן קאָפּ אויף
ניט) גערה איך אוועק. (אָפּ).

ליבע: — היינט... היינט! (דריקט שטאַרק צוזאַמען איהרע הענד, שטעלט זיי אָן געגען זון, קומען אוים דורכזיכטיג, רויט, דערזעהט ראיסא'ן וועלכע קומט אריין מיט די קרעאָסין, שטיל) מיינע הענד... ווי אין בלוט דורכגעווייקט.

ראיסא: — דאָס קומט פון הימעל, ווען די זון פערגעהט.

ליבע: — ווען די זון פערגעהט... (נעהמט זיך אָנטהאָן).

ראיסא: — איהר געהט שוין אָוועקטראָגען די פּאַפּירען? און איך וועל דאָ אַ לאָף טאָן אַהיים, מיינע קענען מיינען דאס מען האָט מיך שוין פערפּאַקט אין קאַזעמאַטקע. פּאַראיינם האָבען זיי מיט מיר צו טאָן פאַרוואָס איך האָב מיך אָנגעטשעפּעט אָן „אייער רע־וואָלוציע" ס'שווער אויסצוקומען מיט עלטערען.

ליבע: — ניט גרינג איז אויך מיט קינדער (זי נעמט צוזאַמען פּאַפּי־רען אין אַ פּאַרטאָפעל געהענדיג צום טיהר) איהר וועט דאָ לאָזען דעם שליסעל אונטער'ן טיהר (אָפּ).

ראיסא (גיסט אריין קעראָסין אין לאָמפּ, וואַשט די הענד, ציהט ארום די בלוזקע, פערריכט די האָר. דער ווינד ייוסט די לאָדין, פייווט, וויינט, זי זינגט שטיל:

„הוליעט, הוליעט בייזע ווינטען,
פריי בעהערשט די וועלט,
ברעכט די צווייגען, רייסט די בוימער
טהוט וואָס איך געפעלט

הוליעט הוליעט בייזע ווינטען
דאָס איז אייער צייט
לאַנג וועט דויערען דער ווינטער,
זומער איז נאָך ווייט!..."

(עם עפענט זיך שטיל די טיהר און ס'קומט אריין סערגיי פּעטראָוויטש)

ר א י ס א: — סערגיי פעטראָוויטש?

ס. פ.: — ער אליין! גמ... ס׳איז פינסטער, קאַלט, און זי זינגט. —

ר א י ס א: — און איהר... זינגט...

ס. פ.: — אוועק אונזער טשינאָווניק מיט׳ן פּאַרטאַפּעל? הערט נאָר, ראיסא, איך וויל מיט אייך יעצט עפּעס ריידען.

ר א י ס א: — מיט מיר? ערנסט?

ס. פ.: — זעהר ערנסט.... איך בין וויטער געווען ביי ליובאוו׳ס עלטערען, זיי ווילען אזוי זי זאָל קומען אהיים, אָבער... מיט איהר איז שלעכט... זיא וויל יט געהן אויף קאָמפּראָמיסען... ווען אי־מיצער וואָלט מיר העלפען!... ווען זיא וואָלט זיך צוריקקערען אהיים, צו איהרע עלטערען צו איהר גלייכען, דאן....

ר א י ס א: — בראווא ס. פ.! איהר זייט אן אמת׳ער קאַריעריסט!

ס. פ.: — פאַרוואָס זאָלט איהר ניט זאָגען, א מענש וועלכער קען ליעבענדיג ניט פערלירען זיין פעו׳שטאַנד?

ר א י ס א: — זי וועט ניט געהן... אז זי בעשליסט עפּעס...

ס. פ.: — קענען די אומשטענדען ענדערען׳... וואָס פערדינט זי פון איהרע אוראַקען, פון׳ם איבערשרייבענעם? —

ר א י ס א: — ווען זי וואָלט ניט פערטהיילען אזוי פיעל צו אַנדערע. —

ס. פ.: — ראיסא, איהר זייט דאָך א גוטינקע, העלפט מיר (ציהט זי צו זיך) איהר ווייסט, כ׳האָב מורא איך זאָל מיך פון הארצוויי־טאָג אמאָל אין אייך ניט פערליעבען.

ר א י ס א: — אי, כ׳דאַרף א געה טאָן אהיים. —

ס. פ.: — קומט, מיר ווען אין וועג ריידען.

(זיי פערשליסען נאָך זיך די טיהר, אויפ׳ן סצענע ווערט פינסטערער, דער ווינט וואָיעט, פייפט... עס הערט זיך א דרייען מיט אַ שליסעל אין טיהר, אַ ריב א שוועבעלע, עס קומען אריין ליבע און סאלאמאן. ער צינדט אָן די ליבט, זי טראָגט עס צום לאָמפּ, וויל אַרונטערנעמען דעם קאָלפּאַק, ער נעהמט אַרונטער די פענסטער, ווישט זיי אויס, געהט אין די זעלבע טושזורקע און שליאַפּע וואָס זומער.

ס א ל א מ א ן: — לאָזט דעם לאָמפּ; ביי אייך זיינען די פינגער אזוי צופראָרען (ער נעהמט אָפּ איהרע הענד פון לאָמפּ, וואַרימט זיי אין זיינע, דריקט זיי צום מויל... שטיל.... ענטפערט שוין, שפּאָרט ניט קיין ווערטער...

ליבע: — אנדערע... זיינען... רייך אין ווערטער... שבועות; צו זיי קוקט די לבנה... שיינט די זון.... ווינקען די שטערין, זינגען די פייגעל, צו גיסט זיך דער טייך.....

סאלמאן: — איז.. א יאַ וואָרט....

ליבע: — א זיך אליין אנגעבונדענער פראָטעסטיל פאר יענע שווערע צייט ווען דעם „פריהלינג" קומט פערבייטען דער קאַלטער הערבסט.

סאלמאן: — דעם פריהלינג וועט ניט פערו־ייטען קיין הערבסט..

ליבע: — וואָס פאר א פריהלינג, ווען די טייכען זיינען רויט פון מענשען בלוט!... ווען אָט לאָזט זיך, דאַכט זיך, אראָפּ דער הי־מעל צו דער ערד, שטערען פאַלען און לעשען זיך אויס איינס נאָכ'ן אנדערען... מענשען — סקעליעטען שטרעקען אויס זייערע ביינער־הענד, קוקען אָהן אויגען... לאַכען אָהן ציינער... די ערד עפענט פאראיינס איהר מויל, שלינגט איין מעהר און מעהר אָפּפער אָהן א צאָל... (מיט שרעק) איהר געדיינקט... די מענשען יאַטקע, פּלוצלינג, אומגעריכט..

סאלמאן: — גאָר ניט אומגעריכט.. מ י ר האָבען עס פאָראויסגע־זעהען, די זאָגענאנטע „קאנטר רעוואָלוציעס" (פּאָוזע) געדיינקט איהר דאן אין וואלד, פאר'ן טומעל... אזא רוהיגקייט...

ליבע: —א רוהיגקייט... פאר א שטורם...

זאלאמאן: — אַלעם ארום האָט ווי געשריען: לעב, געניס, שטרעב!.. דעסטאָ שטאַרקער איז דער לעבען ווען ס'קומט נאָהענט צום טויט....

ליבע: — ווען איך דערמאָן זי דאויף די שווארצע מאה'ס, קאָזאקען... פרומע פּראָצעסיעס... דאָס שיסען, דאָס טאַנצען איבער טויטע קערפּער, פעדערין, מאַרך, בלוט...

סאלאמאן: — מען קען דעם פערשטאַנד פערלירען!

ליבע: — מען קען... אָבער מען טאָר ניט... פערשטאַנד איז א געוועהר פאר שוואכע... איהר געדיינקט די חוליקאַנעם? —

סאלאמאן: — איך געדיינק... און ווי שרעקליך שעהן איהר האָט אויסגעזעהן מיט'ן געוועהר אין האנד! איהר ווייסט, אין איין מאָ־מענט איז מיר דאן ארויפגעקומען א ווילדער געדאנק, צו פער־שטעלען זיך פאר א חוליגאן, ארויסשלאָגען דאָס געוועהר פון אייע־

רע הענד און לאָזען זיך פון אייערע פינגער מיך ווערגען, אייערע ציינער זיך איינעסען אין מיר... בייסען....

ליבע: — הערט... ווען איהר וואָלט מיך דאן געפונען א בעליידיגטע א קראַנקע... א־א.. נאָר א לעבעדיגע.

סאלאמאן: —רעדט ניט!...

ליבע: — וואָס וואָלט איהר דאן געטהאָן?

סאלאמאן: — מען קען פון זינען אראָפּ!

ליבע: — און אויב.. מען קען פון זינען ניט אראָפּ?...

סאלאמאן: — צו וואָס וואָלט דאן דער לעבען טויגען?

ליבע: — געווים... געווים... זאָגט, וואָס וואָלט איהר דאן געטאָן?—

סאלאמאן: — איך.. איך וואָלט אייך... דאן געהאָלפען שטארבען...

ליבע: — און אליין?...

(ער שווייגט, זי קוקט אים אָן, קערט אָפּ דעם קאָפּ, לאַכט שטיל, גע־צוואונגען, עס קומט אריין סאשא אין א דיקען קורצען פידזשאַק מיט א קאַרקולינעם קאָלנער און היטעל; בלייבט שטעהן מיט איין האַנד א הינטער זיך ביים טיהר.

סאשא: — כ'האָב אָנגעטראָפען אויף א פערטיגען געלעכטער, כ'וואָלט וויסען וואָס, וואָלט איך העלפען...

ליבע: — א גוטע זאַך העלפען אלע...

סאשא: — אייער געלעכטער זעהט מיר גראדע ניט אוים פון די גוטע...

ליבע: — דאס פרעהט זיך די נשמה וואָס זי בעזיצט א גוף... דאס איז א נשמה געזאנג...

סאשא: — איך פערשטעה עס ניט.. (צו סאלאמאן) אפשר איהר?...

סאלאמאן: — ליבע פיהלט זיך היינט... ניט גוט...

ליבע: — אָ, איך פיהל זיך זעהר גוט (זי צינדט אָן דעם לאָמפּ).

(עס לויפען אריין סערגיי פעטראָוויטש און ראיסא).

ס. פּ.: — מיין אכטונג, ליובאָוו אראנאָוונא! וואָס הערט זיך!? ווארום איז דאָ עפּעס אזוי קאַלט?

ליבע: — עס איז ווינטער, סערגיי פּעטראָוויטש!

ס. פּ.: — ס'איז צרות ווי האָלץ און הייצען איז ניטאָ מיט וואָס (בעמערקט סאשאַ'ן) א איהר? וואָס הערט זיך? מיר רעוואָלטירען

נאָך ? גמ... דער רעוואָלוציאָנערער גייסט ווייזט אויס האָט א קנאַפּע שליטה צום „ערוואַרטען רוסישען פאָלק", ער קראַצט זיך די פּאַטילניצע און קוקט תמ'עוועאַטע אויף גאָט'ס וועלטעל... אבי מען האָט געגלויבט דאָס מיט איין זעטץ — צובראָכט מען די אַלטע סיסטעם.

(עס קומט אריין גרונע אין אַ דיקען קורצען מאַנטעלע, אַרומגעדרייט ארום קאָפּ אַ וואָיסע וואַרימע פּאַטשיילקע אַריבער די באַראשקענע היטעלע, האָט אַ פּעקיל אונטער'ן ארם.

ס. פּ.: — א, גרונע, שלום עליכם!

גרונע: — לאַנג געזעהען זיך!.... (צו ליבען) די מאַמע האָט דאָס זעהר געבעטען צו נעמען, וואַרימע זאַכען, ס'איז קאַלט, זאָגט'צי. מי קען זאַך פאַרקיהלען.

ליבע (געהט צו צום פענסטער, שפּאַרט צו דעם קאָפּ צום שויב).—

ס. פּ.: — וואָס הערט זיך עפּעס, גרונע, א? וואָס שרייבט איך עפּעס אייער געוועזענע פאַרשטייערקע פון אמעריקא?

גרונע: — וואָס זאָל זי שרייבען? כ'האָב היינט פון איהר אויך א לעטער פּאָלוטשעט, נאָר נישט, זי קוקט צאָך דאָרטען צו, און אז זי וועט אַלץ־דינג אויסגעפינען וועטצי זאָך נעמען טאָן.

ס. פּ.: — וואָס, למשל, כדומה, נאָפּרימער? —

גרונע: — וואָס? דעקלערין די פּאָגראָם, ליגאַלישזירען פּראָפּעסיאָנעלע פאַראיינען, קלייבען געלד פאַר אונזער אָרגאַניזאַציע, און... מאַלע וואָס!

ס. פּ.: — כ'האָב געהערט דאָס אין אייער פּאַך זיינען שעהנע שיקסעס פאַראַן, טאַקע?

גרונע: — געוויס פאַראַן'ען!

ס. פּ.: — האָבען זיי „געטרעבעוועט" גלייך מיט איך „א קוליטורנע אַפּטעגאָמע"?

גרונע: — געוויס. ראַז אז זיי האָבען פּריזנאַיעט אונזער פּאָגראָם!

ס. פּ.: — וואָהלע גאָיקעס, אַבי איך האָב געמיינט, אַז זיי פּריזנאַען נאָר אַ קאַסטרולינע אווטאָנאָמי...

גרונע: — וואָס!? ראַז אז קענפּין, איז גלייך מיט אַלעמען....

ס. פּ.: — ע, וויפיעל האָט איהר דאָ אַזוי צו קענפען!? —

גרונע: — צו קענפען? שיין גאָר א פולע. אנקעגען שונא פון אינווייניג און אנטקעגען ניעפריאטעל פון אויסווייניג. פאר'ן אויסווייניגסטען דארפען מיר באַנבעס, פוליעמליאטען, ליווער־ווערען, עקספראָפּריאטשעס, מיניסטראַציעס, ליגאליזירען פּראָ־פעסיאָנעלע פאראיינען, אגיטשירען דעם ראבאָטשין קלאס, מאַ־כען שטרייקס, צומאכען די קראָמען, אהאָ! און מיט'ן שונא פון אינווענינ — מאכען דיסקוסיעס, אויפווייזען אונזער פּאָגראם, געהן אויף סכאָטקעס אין וואלד, זינגען ניליגאלינע ליעדער, איינרופען קרייזען, מאכען פּאכ'ן, פּראָווען אַליין לויות און ניט לאָזען דאס פּראָוען נאָך אזעלכע, וואס זיינען ניט פון אונזערע אגיטשירטע מיטגליעדער, צוציהען טעליגענטען, פארשפּרייטען ליטערטור'שע פּאָקלאָמאַציעס און... מאלע וואס! — (זוכענדיג אין קעשענע) אי א קלאָג, כ'האב געהאט א בריוועל (צו ליבען) צו אייך, פון דער היים, האָב איך דאס געמוזט פארגעסען ביי מיין בעקאנטען, כ'טו שוין א לאף און ברייננ, איין מינוט (לויפט אַרויס).

ליבע (צו ס. פּ.): — דאס איז אייער ארבייט.

ס. פּ.: — וואס, ליובאָוו אראנאָוונא?

ליבע: — „קאָמפּראמיס'ן"..

ס. פּ.: — איז דען די ארבייט אזוי פערברעכעריש דאס מען זאָל ניט טאָרען מיט איהר אָנגעהן אָפען? (ליבע קערט זיך אָפּ צוריק צום פענסטער) יע, איך בין דעם מיינונג דאס ס'איז פיעל בעסער די היים, ווי עקסטערניטשאיען, נאָר.... אז א מענש וויל ניט גע־ניסען פון לעבען... (צו סאלאמאן) אז ניט — איז ניט, געהט פער־שטעהט!

סאלאמאן: — איינער שטרעבט צו לעבען, א צווייטער לעבט צו־ליעב שטרעבען....

ס. פּ.: — ס'א שעהנער ווערטיל. וואס פאר א טעם פיהלט איהר אין'ם אייביגען שטרעבען (העכער) וואס, אייגענטליך, ווילט איהר?

סאלאמאן: — ווער קען דאס אויסרעכענען וואס? מיר ווילען ווע־רען געבילדעטער, גרעסער, שטארקער, זיין אין שטאנד צו פער־טהיידיגען די אינטערעסען וועלכע זיינען פאר אונז וויכטיג,

נאָהענט און טהייער, דיענען דער מענשהייט, אונזער פאָלק, קלאַס. מען מוז זיך דורכברעכען א וועג דורך פיעלע שטערונגען, עס פערשטעהט זיך, מען מוז בעזיצען א שטארקען ווילען, גוטע פעהיגקייטען.

ס. פ.: — ווער פון אייך מיינט עס ניט דאָס ער בעזיצט עס? — מיינט, און שלעפּט זיך אַרום מיט דעם מיין איבער שטעדט און שטעדטלעך, וואַלגערט זיך, ליידט הונגער, קעלט, וואו איז דער טעם?!

סאלאמאן: — מאכט בעסער... א סך. אַט געהען אוועק פון רייכע עלטערען און ווילען ניט „געניסען פון לעבען", עפּעס מוז דאָך דאָ יע זיין וואָס אזוי מענשען קאריעריסטען קענען ניט... פערשטעהן....

(ליבע ציהט זיך צוריק פון פענסטער און געהט אַרויס פון צימער, אַלע קוקען זי נאָך. סאלאמאן קוקט פון דער זייט אין פענסטער, ס'הערשט אַ שטילער, שווערער שווייגען.)

ליבע (אריינקומענדיג שטיל מיט אן אונבעשטימטען שמייכעל): — בעשלאָסען א גוטע זאך... געבען אַ זינדיגען רוהה... דער בעל הבית שרעקט זיך פאר א נאַפּאסט... איך בין איב גראדע געפעלען, נאָר די וואָס קומען צו מיר זיינען אים... ניט צום הארצען, עס וואָלט בעסער געווען... איהר זאָלט מיך פריהער פערלאָזען... איך וועל מיט דער צייט געפינען אן אנדער קוואטיר, אביסעל ווייטער פון דאנען....

ס. פ.: — ליובאָוו אראנאָוונא, אין דער היים...

ליבע: — נאָכ'ן טויט...

גרונע (אריינלויפענדיג האַסטיג) קאָם מיט צרות געפינען!

(ליבע נעמט ביי איהר פון האַנד אַ בריעף, לעזט עס, איהר געזיכט ווערט טרויעריגער, דריקט אוים פערדרוס).

ס. פ.: — מעג מען פרעגען וואָס מען שרייבט אייך? (ליבע גיט אים דעם בריעף, ער קוקט דורך און פרעגט:) איז ערלויבט צו לעזען הויך? (זי טוט אַ מאַך מיט'ן קאָפּ, געהט אוועק הינטער די שירמעס, ער פאַנגט אָן לעזען:) לבתי היקרה מרת ליבע דבורה ת"י!

ראיסא: — זעהט, דבורה, אייך?.... ווערא, עס פעלט נאָך א

נאָמען נאַדיעשדאַ, וואָלט עס געווען „וועראַ, נאַדיעשזדאַ אי ליובאָוו!

ס. פּ.: — געענדיגט? גוט, יעצט לאָזט לעזען ווייטער: „אפשר וואָלסטו אויף דיין לאַסקע קומען חץ ביז מיר וועלען צוריק־קו־מען אהיים, אויב דו ווילסט ניט אין גאַנצען, מיר פאָרען צו אונזער פראַדען, זי ליעגט אין קינפּעט מיט אַ מיידיל. אויף גרונען קען מען זיך ניט פערלאָזען, דאס איז אַ לאַ יצלח, נעכטען האָט זי זיך שוין איספּראַוועט מיט'ן גוטען לאָמפּ ווי זי טהוט זיך אַ קער, פאַלט נאָך איהר, און פּרואוו זאָגען איהר, סטראַשעט זי מיט שטרייקס, פאַרהאַלט זי ניט לאַנג, אז זי געהט אוועק פער־געסט זי צו קומען".

ממני אביך המצפה הצלחתך, אהרן ב"ר מנחם ז"ל.

—„יע, די מאַמע בעט מיט טרערין דו זאָלסט קומען מיט אַללעמען מען דערצעהלט איהר דאָס דו געהסט איין פון טאָג צו טאָג, קום אהיים, פון דעם איינרייסען אַ וועלט, וועט קיין גוט'ס ניט ארויסקומען, ווייטער וועסטו דאָך מסתמא טאָן ווי דו פער־שטעהסט — בערעכען זיך בעסער וואָס דו טהוסט. הנ"ל".

ס. פּ.: — גאָספּאָדאַ, מיר זיינען דאָ אייגע'ע מענשען, מיר קענען ארויסזאָגען אונזערע מיינונגען וועגען דער זאַך.

סאשא: — אז מען וועט איך פרעגען...

ראיסא: — איך אויף ליובאַ'ס אָרט, וואָלט צוריק אהיים געגאַנגען....

סאשא: — איהר וואָלט גאַר בעסער פון דערהיים ניט אוועק...

גרונע: — איז מיט וואָס געה איך אוועק?

ס. פּ.: — שטעהט נאַר, ווען פאָהרען זיי?

גרונע: — אי ווי ער מאַכצאַך דאָס ניט וויסענדיג!...

ס. פּ.: — קומט מאָרגען פריה.

ליבע (וויזענדיג זיך הינטער די שירמעס צו ס. פּ.): — רעדט ניט פאר מיר. (צו גרונען) און איהר זאָמט זיך טאקע צופיעל, געהט אהיים, און נעמט מיט דעם פּעקיל — וואָרימקייט... איך האָב גענוג... אַלע מעגען שוין געהן, איך האָב נאָך היינט פיעל וואָס צו טאָן.

סאלאמאן: — בלייבען... העלפען איך?

ליבע: — ניין. (צו גרונען) זאָגט זיי צו דאָס איהר וועט אליין גוט אכטונג געבען (זי גיט איהר אַ פינגעריל).

גרונע: אַי ס'ארא שיינינקער רינגעלע! איך'ל זאָגען דאָס איהר וועט קומען ראז אז איר'ט קענען...

ס. פּ.: — און דאָס איך וועל קומען נאָך ליובאָוו אראנאָווגא (ווערט פרייליך, שלעפּט ראיסאן ווי צום טאַנצען). מיר קערען זיך היינט'ס אום צו אונזער ליעבעם פאטער־לאַנד! (זינגט): „ניט לאַנג וועט דויערען דער ווינטער, זומער איז ניט וויים!“

ראיסא: — איהר זייט פון זינען אראָפּ?

סאלאמאן (צו ליבען): —איהר האָט מיך ניט פערשטאַנען...

(סאשא לויפט האַסטיג אַרויס פון צימער).

ליבע: — איך וויל בלייבען אליין.

ס. פּ.: — אז געהן — איז אַלע, נו'ם מארעמואזעל גרונע, ביטע, אַט איז די טהיר (צו ראיסא) פּאָרוועדטם! (זעגענען זיך, סאלאמאן קוקט זייער טרויעריג, ליבע בלייבט אליין פיהרט מיט'ן האַנד איבער די האָר, איבער'ן שטערען, לייגט איבער איינינע פּאַפּירען געהט ארויס, קומט אַריין צוריק מיט אַ שוואַרץ קעסטעלע, פערשליסט נאָך זיך די טהיר, נעהמט אַרויס פון קעסטעלע אַ רעוואָלווער, קערט עס, בעטראַכט פון אַלע זייטען לייגט עס צום שטערען, שמייכעלט סאַקראַס־טיש.... עס הערט זיך אַ שטילער קלאַפּען אין טיהר, זיא בעהאַלט אַלעס שנעל, אין טיהר ווערט דער קלאַפּען שטאַרקער).

ליבע: — קטאַ טאם? ווער? סאשא? וואס ייז געשעהן? גאָר ניט.. ניין... איך מוז? (זי שליסט לאַנגזאַם אָפּ די טיהר).

סאשא (שטיל): — אליין?

ליבע: — איך האָב געבעטען ניט קומען היינט מעהר...

סאשא: — נו, טרייבט מיך ארויס...

ליבע: — צו וואָס, איהר וועט אליין אוועקגעהן.

סאשא: — פיליכט ניט אזוי גיך ווי איהר ווילט עס... הערט.... איהר גיט נאָך ס. פּעטראָוויטש'ם ווילען? איהר געהט טאַקע אהיים? א! ווי נור איהר דערזעהט איהם — כאַפּט זיך אין אייך אויף די בורזשואזנע פּסיכאָלאָגיע, ס'איז א וואונדער פאר וואָס איהר זייט שוין לאַנג ניט אוועק, וואָס האָט אייך דאָ אָפּ־

געהאַלטען (ליבע געהט ארום איבער'ן צימער) זעצט זיך, ווען איהר געהט ארום, דוכט זיך מיר — איהר שטעהט ניט אויף איין אָרט.. אַט געהט איהר, דוכט זיך אוועק ווייט, ווייט, הערט, איך טראכט פון בעגעהן זעלבסטמאָרד, ווי טרויעריג דאָס וואָלט געווען... ניין? אן אמת'ע דראמע...

ליבע: — די דראמע איז אין לעבען.

סאשא: — און דאָס זאָגט איהר? איהר וועלכע געהט אוועק געניסען פון לעבען? איהר וועט זיך דאָרט ליגען אין סאָד, אויפ'ן גראָז, און אויסהערען ליבעס ערקלעהרונגען פון א סערגיי פעטראָוויטש, פון א אינטעליגענט פון א אונזער ברודער פראָלעטאריער, עך, ווייניג זיינען פאַראַן וואָס לויפען אליין אין פייער? פערליבען זיך אין דער קאַלטער לבנה ווילען און קענען זי ניט דאלאנגען... פאַרוואָס, פאַרוואָס האָב איך אייך אזוי ליעב! (ער זינקט די קאָפּ צום ווענטיל פון שטיל. ליבע אַוועקלייגענדיג אַ האַנד אויף זיין אַק־סיל, בייגט זיך אַן צו איהם):

ליבע: — סאשא, געהט אהיים...

סאשא: — אזוי... איהר טרייבט מיך.. (פּלוצלינג) נעהמט צו אייער האַנד! (שטעלט זיך) אַוועק געהן? גוט. איך געה, איך וועל מיך מעהר ניט בינדען צו אייך, „פערבלאנדזעטע צווישען ארבייטער פרינצעסין! איך האַס אייך... איהר הערט? איך האַס אייך מיט אייער פערטהיידיגען אונזערע אינטערעסען איהר אינטעלעגענ־טע פאַרשטעהערין. איהר נעהמט אוועק די נשמה און געהט פער־זאָרגען דעם מאָגען, איך האַס אייך!... (ער פאַלט מאַכטלאָז אויפ'ן שטול).

ליבע: — סאַשא, סאַשא, וואָס איז מיט אייך? (זי געהט צום קרוג נעמט איין אַ טיכעל לייגט אים צום קאָפּ, פערבינט)..

סאשא: — מיר איז שלעכט ס'איז אזוי שווער צו ליידען... איך האָב אייך בעליידיגט? — און איהר? איהר שווייגט (ער כאַפּט איהרע הענט) ניט־גלויבט מיר.... אייך האַסען.... ווי קען מען? מיר איז אזוי שלעכט, ליובא, אזוי שלעכט און איהר טרייבט מיך, לאָזט מיר דאָ זיצען, נור קוקען אויף אייך...

ליבע: — מען קען ניט סאשא, גלויבט מיר... נו, איהר פיהלט בעסער?

סאשא: — בעסער? זאָל זיין בעסער.... ליובא, זאָגט נאָר, האָט איהר מיך ווען געליבט? איהר שווייגט... ג־ו־אוט... איך געה אוועק. נאַט, נעמט מיר אראָפּ די קאַלטע רפואה... (ער שטעלט זיך, בייגט צו די קאָפּ צו איהר, און ווען זי נעמט אָפּבינדען די טיכעל, כאַפּט ער זי האַסטיג ארום ציהט צו זיך און קושט זי ליידענשאַפטליך...

ליבע: — סאשא!... סאשא!...

סאשא (ווי פון שלאָף): — וואָס... אוועקגעהן? איך געה (קוקט זי אָן ווי פערחלום׳ט) ליובא, זאָגט יעצט גאָר נישט... איך געה... ליובא... (וויל ווי עפּעס זאָגען, טהוט אַ מאַך מיט׳ן האַנד, לאָזט זיך געהן צום טיר מיט שוואַכע מיעדע טריט, טהוט זי האַסטיג אָן עפען און לויפט אַרויס).

(ליבע — קוקט איהם נאָך טרויעריג. דריקט זיך די נאַסע טיכעל צום שטערען, נעהמט ווייטער דעם רעוואָלווער, בעטראַכט איהם, עס לויפט אריין גריגארי — זי טרעט אָפּ צוריק קוקט איהם אָן פראַגענד: —)

גריגארי: — איך האָב געמוזט פערלאָזען מיין פּאָסט אום אָנצוזאָגען אייך.. דאָס.... דער גובערנאטאר פאָהרט ניט דורך סאבארנע נור דורך ענסקער גאַס, נומ. 14. איהר מוזט שוין געהן, ווען ניט קען זיין צו שפּעט....

ליבע: — שוין!... (כאַפּט זיך פאַר׳ן הארצען — ענטשלאָסען אַרויפ־כאַפּענדיג אויף זיך אַ לאַנגע, שווארצע פעליערינע, אַ מאַכטאָנדיג מיט׳ן קאָפּ און רעוואָלווער — לויפט אַרויס, נאָך איהר — גריגארי.)

פאָרהאַנג שנעל.

פיערטער אקט

אויף מאָרגען, ביי אהרון אין הויז. אלעס קוקט אויס אָבגעניצטער. אויפ'ן טיש אַ ביליגער לאָמפּ. די פּאַרטיערע פון ליבעס צימער איז צוגומען, פון דאָרט זעהט זיך אַ טיש מיט שטולען ארום. ביים טיש זיצט גרונע און לושטשעט סעמאַטשקעס, לעבען איהר —ליזער אין אַ רויטער רובאַשקע מיט קוטאַשען. זי קוקט אויס אין כעס, געהט, זעצט זיך ביים פענסטער אין זאַל. די פענסטער איז פערפראָרען, דער ווינד רייסט די לאָדען. לייזער קומט גלייך, זעצט זיך לעבען איהר.

לייזער: — זאָג נאַר, וואָס בלאָזטו זיך אזוי? מיינסט אין דער אמת'ן, אז דו ביזט געוואָרען די גלאַוונע פאַרשטעיערקע פון דיין פּאַך דארפסטו זאַך דויען?

גרונע: —איך טרייסעל אויס אזעלכע ווי דו צו 7 פון איין ארבעל!

לייזער: — אזאַי? לאָז אקאָרשט זעהן די יאָטין?... וואָס ווילסט דו, וואָס?

גרונע: — גאָר נישט... ראז אז דו ווילסט...

לייזער: — מאַלע וואָס איך וויל! ס'איז ראז אז מע הייסט... מע הייסט סטרייקען אי באלישע ניקאקיך! עפעס צום שלים-מזל דארפען אויך האָבען מזל: ביי אנדערע זיינען די בעלי-בתים רייכע — קענען זיי נאָכגעבען, ביי מיינעם, נו, בין נעכטען ווייטער געוועזן מיט אַן התראה פון צע. קא. — איז פינסטער ווי אין אַ גרוב, קאַלט — האָץ טרייב וועלף. ער זיצט אַ צונויפגעהארבע־טער ביי דער קאַלטער הרובע, הוסט. זי — אין אַ בעט שמאַטעס מיט זייער אָפּגעריסענער, באָרפוסער קאפּעלע און שילט אונז...

גרונע: — צו איהר זאָל דאָס אויסגעהן. געהערט? — גאָר שיל־טען זיך!

לייזער: — וואָס ביזטו, שרייט זי, געקומען היינט אָן חלאָפּעס,

שטעקינס און סטראַשענקעס, בונט פּאַרשיווער! שטראַפּירט נו, נעמט אַראָפּ די ארבייטער, זיי פגר'ן דאָך פאַר הונגער, גוט אזוי, אז פּגר'ן איז אַלע! און די קינדער האָבען זיך צואווייַנט און זי גיט זיי אזעלכע שטופּאַקעס אז עס טהוט וועה די הארץ אויף זיי...

גרונע: — ראַז אַז די קאָנאָמישע אומשטענדנים — פּאָדערען און די פּאָגראַם טרעבעוועט — איז ניטאָ קיין רחמנות'ן.

לייזער: — כ'האָב אַ קלער געטאָן אַ לאָז טאָן זיך איבערן שטאָדט אויפמאַכען חאַץ אויף האָלץ, אָט האָבען שכנה דעם שנייַדערס אַרבייטער אויך געסטרייקט ביז זיי זיינען אוועק פאר אים אויפמאַכען אַ נדבה....

גרונע: — שיין פאר דיר אויך בעדאַרפט פאר איין גאַנג....

לייזער: — פאר מיר? ע, כ'האָב אַ פּאָר הענד, טו נאָר אַ קוק הענד! (דריק שטאַרק איהרע אַרמס).

גרונע: — לייזער, הער אויף, איך'ל אַ בים טאָן ס'ט'זען!

לייזער: — גרונע, ניט בונטעווע זאַך... נאַ ביים! (שטעלט איהר צו דעם לאַדאָן צום מויל. — טריט. עס לויפט אריין סערגיי פּעטראָוויטש, בעדעקט מיט שניי. לייזער לויפט צום טיהר.)

ס. פּ.: — אַ, דער „בעקאַנטער" וואָס טהוט איהר דאָ?

לייזער: — איך? איך העלף גרונען אכטונג געבען אין שטוב...

ס. פּ.: — איז דאָ ווער געווען?...

גרונע: — ווער'ט איהר געוואָלט. זאָל זיין? איר'ט דאָך געדאַרפט גיין נאָר איהר....

ס. פּ.: — בין געווען און ניט געטראָפען. אפשר ווייס ראיסא וואו זי איז?

גרונע: — פון וואַנען זאָל איך וויסען וואָס — ראיסע ווייס? (ס. פּ—אָפּ) ען, ראַק מע לויפט, אָן איינגעלאָף אַף זיי, אָט ווי די פּאַרי־סם'טע מייז!

לייזער: — היינט לויפען אַלע ווי פאַר'סם'טע... ווער'ט'ס עס גע־קענט שיסען?

גרונע: — דעם גובערנאַטער? געווים אַ בונדאָוועץ...

לייזער: — און איך האָב געהערט, אַז דאָס האָבען די עס־ער'אָווצעס. אפגעאַרבייעט האָטאָס דייקע אַ מיידעל, מען האָט זי בעסער

געזען ניט ווייט פון זיין קאַרעטע און ניט גענומען דערנאָך ערשט האָט מען זיך געכאַפּט זוכען. הער נאָר, זי מוז וויסען ווער...

גרונע: — אַז יע, וועט צו דאָס כאַפּען גיכער דיר דערציילען....

לייזער: — אַזאַ? און וואָס איז קאָנספּיראַציע, אַ הונט? — זי האָט וויפיעל מאָל, זאָגט'ן, גערעדט מיט'ן גובערנאַטאָר. זע נאָר, אַ בורשזו'ס אַ טאָכטער און אַזאַ פייערדיגע רעוואָלוציאָנערקע. אי וואָלט'ן זיי מסתמא וועלען זי אומקערען צוריק.

גרונע: — מאַלע וואָס מען וויל... (ארויסקוקענדיג דורך'ן פענסטער) אי, איך וואָלט שווערען אַז זי געהט דאָרטען... מיט וועמען? איך דערקען ניט, אין אַזאַ מין מיטיעליציע.

לייזער (מאַכענדיג מיט'ן האַנד אַ רעדעלע צום אויג): — דאָס איז דאָך צאַך דער וואָס'ט דיסקוטירט אפען „סכאָטקע" מיט אונזערען. ט'אופגעוואָרפען אַ גילאַטעטע פּאָגראָם, פּאַרפיהרען די מאַסע מיט נאַציאָנאַליזם און אריינטרעטען אין דער עס־דעק'ער פּאַרטיע אי ט'עם אונזערער געזידילט! — גידיינקסט?

גרונע: — יע, דער אַז ס'צוויאָגט צאַך, איז ניט איינצוהאַלטען, אַ פּאַרקאַכטער פּועל־ציונק — זע נאָר וואָס פאַר אַ מיאַטעליצע, ווי עס דרייט, אימיצער האָט־צאַך היינט געמוזט אויפהייגען.

לייזער: — זע נאָר, זי איז אַ עס־עראָווקע, ער — אַ פּועלי־ציונק און זיי גייען דאָס ארום און אַלץ....

גרונע: — ביי די טיעליגענטען איז אנדערס ווי ביי די מאַסאווע; זיי אַרט ניט (זי לאָזט זיך פּלוצלינג צום טיהר).

לייזער: — טפּרואו... אַ וואוהין?

גרונע: — לאָז! זעהסט, זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן סלופּ... קוקט אַהערצוצו, גיכער, צינד דאָ אָן דעם לאָמפּ... נאָר ניט צוברעך — און געה ארויס אין קיך! (זי לויפט אַרויס. לייזער צינדט אָן דעם לאָמפּ. געהט אַוועק אין קיך. עס ווייזען זיך אין טיהר גרונע, ליבע, סאַלאָמאָן. ווייס פון שניי. די געזיכטער אָנגעפּראָרען).

גרונע: — קומט אריין, זיי וועלען ערשט קומען מאָרגען, מעג איך קריינקען אויב ניט. אפשר ווילט איהר טיי? צובייסען? זייט דאָ, ראַז אַז קיינער איז ניטאָ, טו'ק וואָס־זשע אַרט איך? (ציהענדיג פון איר דעם מאַנטיל) חאָץ איבערוואָרטען די מ'אַטעליצע...

ליבע: — שוין באלד צוויי יאָהר און... אלץ דאָס זעלבע... מעהר נישט — אָפּגעלאָזענער... (קוקט אריין אין איהר צימער) א־א... און ענדערונג... (האַלט זיך אָן אין וואַנד שטעהט אַ צייט שטיל) אַלעס ארויסגעוואָרפען....

גרונע: — אַלץ ליגט בעהאַלטען, קומט זעט וואו....

ליבע (צו סאָלאמאן, מיט אַ ביטערען שמייכעל): — זיצט, בעטראַכט דאָ דערווייל די שעהנע בילדער וועלכע מיר שאַפען אין דער פּראָ־ווינץ!... (געהט נאָך גרונען. סאָלאמאן קוקט ארויס אין פענסטער, שטאַרק צוטראָגען).

גרונע (אריינקומענדיג צוריק, צו ליבען): — אַט טאַקע נאָר אף א ווייל־לינקע, כ׳וועל זאָך ניט זאמען, דאָ ניט ווייט, איבער׳ן גאַס (אָפּ).

ליבע (בעטראַכטענדיג אַ קליין פּלעשעלע): — אַט דאָס האָב איך א מאָל געוואָלט האָבען אים פאַל איך וואָלט וועלען אָן וועמעס עס איז הילף שטאַרבען.... אין די שווערע צייטען ביטערע, קען מען, זייענדיג אונטערן שוטץ פון טויט לעבען און לעבען ווען מען זאָל האָבען יאָהרען... פריהער ארט דער לעבען אָן לעבען, שפּעטער — הערט עס אויף... און ווען דער לעבען הייבט אָן בעלאַנגען דער מענשהייט — האָט מען שוין קיין רעכט צו נעמען אום זיך...

סאָלאמאן: — ליבע... איך בין אויסער זיך... מיר... מיר גלויבט זיך ניט... דאָס איהר... ווירקליך איהר... ליבע!... (זי שאָקילט טרויעריג מיט׳ן קאָפּ) וואָס איז איך דערפון.... וואָס וועט יעצט....

ליבע: — וואָס איז מיר דערפון... גאָרנישט... ניין, זעהר פיעל... יעצט, ווען נאָר מיר זאָל דערפון וואָס זיין... ווען נאָר מיר...

סאָלאמאן: — מיך שרעקט יעדער שאָרך... און איהר, פאַר וועמען איך פיהל דאָס גאַנצע שרעק, זייט אַזוי קאַלט. אַזאַ רוהיגקייט אַליין איז שוין פערדעכטיג...

ליבע: — זאָל איך מיר סטאַרען אומרוהיגער צו זיין?

סאָלאמאן: — ווער וויים אויב אַלעס איז שוין ניט ענטדעקט.... נעכטען... דער שטן אונטער אייער פענסטער.... איך האָב מורא ס׳איז געווען אַ שפּיאָן און.... אייער רוהיגקייט.....

ליבע: — זאָל זיך אַ חוץ מיין שאָדען איך איבערגעבען... דאָס מורא פאַר׳ן טויט פערקירצט דאָס ביסעל לעבען... איך האָב אַלעס גע־

מעגט ערוואַרטען... (פּויזע, שטיל, מאַנאַטאָנע) נעכטען... ביז איך האָב איהם — דערזעהן... אונזער שטאָדט בעל־הבית, אַרויס־שטייגען פון זיין קאַרעטע — האָט עס מיך געלאַנגווייליגט... איך האָב דאָך געמוזט שנעלער אויספיהרען דעם פּסק... ווי אַן אונ־לעבאַרער געגענשטאַנד האָט ער מיר אויסגעזעהן... מאָדנע... דאַכט זיך, איך האָב צו איהם אַפילו קיין שנאה ניט געפיהלט, אַן אונ־בעוואוסטע קראַפט האָט ווי בעפוילען: „שיס!" איך האָב אויס־געשאָסען און אין האַרצען האָט זיך דאַן ווי עפּעס — אָפּגעריסען — — (שטיל, ווי פאַר זיך) אַ טומעל... עס לויפט אַ צושראָ־קענער אונזער פּריסטאַוו.... מען פרעגט: „וואָס איז?" אַלע לויפען — איך אויך... איך קום צו זיך — טו זיך אַ וואָרף אין בעט און קען די אויגען ניט צומאַכען; אַ גאַנצער שטורם קומט מיר אין קאָפּ... אַ ווילדער הודזען, שזומען אין די אויערען... איך וואַרט מיט אָפענע אויגען אויף טאָג.... וויל אָבגעבען זיך רעכענונג פון אַלעם וואָס איך האָב געטאָן.... אונטערפיהרען אַ איטאָג, און.... עס שפּרינגט פאַר מיר אַרוים אַלע ווילע אַן אַנדער ציפער... — עס האָט זיך פערוואָלט האָץ נאָך איינמאָל זיין אַ קינד ביי מיינע עלטערען... ווען זיי וועלען דאָס ערפאַהרען... (ברעכט די הענד).

סאַלאַמאַן: — ווען איך וואָלט איך נעכטען ניט געפאָלגט און גע־קומען... וואָלט עס ניט געשעהן... איך בין שולדיג....

ליבע: — וואָס עס איז געשעהן — האָט געמוזט געשעהן... אָנגענומען האָב איך דאָס ווען ענערגיע, קאָמפּפּסוויליגקייט איז געווען פיעל... אויספיהרען איז דאָס אויסגעקומען, יעצט... יע... איך האָב דער־פיהלט, נאָך דעם שאָס דאָס ס'איז שוין פערנוצט דאָס לעצטע ביסעל פּולווער... דאָס ס'איז אַלעם אומזיסט, פערלאָרען.... פער־לירען אַ אידעאַל איז פיעל שווערער ווי עטוואָס רעאַלעס.... דערפאַר פיליכט, ווייל דער אידעאַל איז הויך, גרויס, אַן אַגרע־ניעץ אָן אַ מאָס.... איהר האָט מיך געפרעגט צו האָב איך אַ טראַכט געטהאָן וועגען אייערע שטרעבונגען, וועגען די גרויסע האָפנונגען אויף די פּראַקטישע אַרבייט אין פּאַלעסטינאַ... יע... אָבער — עס איז דאָך שווער... און דאָס וואָס איך האָב געגלויבט — האָב איך פערלאָרען דעם גלויבען — קומען צו זיך נאָך אַזאַ פערלוסט

איז שווער — און די שווארצע מאכט פערכאפט וואס ווייטער — מעהר און מעהר — פאר יעדען צופאל... יאך יעדער שאס אין א טשינאווניק — פאלען אפפער אן א צאל... וואו נעהמט מען קרעפ־טען פאר נייע שטרעבונגען ? — פייער דארף מען האבען, נאצ־יאנאלען שטאלץ, ווילען, גלויבען ! . . . אריינגעשלעפט — ווערט מען אין שטורם שטארקע, גאנצע און ארויגעווארפען קריינקע, צו־בראכענע... ווען אלעס וואלט געגומען אן אנדער ווענדונג ! — — ווי פערטרייבט מען פון זיך די שרעקליכע בילדער; איך זעה מענ־שען צוריסען, צושניטען אין שטיקער... איך דערקען אין זיי מעהר מיינע... מיינע ! . . (זי פאלט אין שטול, דריים זיך קראמפהאפט צו־זאמען, שוידערט, צועפענט בריים די אויגען, הערט זיך ווי צו עפעס) וואס פאר א בייזע — רוהיגקייט ארום....

סאלאמאן: — א רוהיגקייט... נאך א שטורם...

ליבע: — און.... פאר א שטורם.... (דער ווינד וואיעט שטארקער, עס לויפען אריין, ס. פ. און ראיסא).

ס. פ.: — אך, ענדליך זעה איך אייך ! ווי צופרידען איך בין ! (סא־לאמאן אפ צום פענסטער) נאר וואס עפעס אזוי.... שטיל ? . . .

ראיסא: — סערגיי פעטראוויטש איז היינט דער טומעל אליין.

ס. פ.: — אלץ צוליעב'ן גובערנאטאר, א מפלה וואלט איך זיך אויף איהם ריכטען... ניין, איהר פערשטעהט ? איך, — אייגענטליך, שטעה ניט פאר טעררור, נאר אז מען ראמט אפ אזא בריאה — טהוט עס מיר הנאה (צו סאלאמאן) א ? וואס זאגט איהר צו דעם ?

סאלאמאן: — — — — — איך זאג גאר נישט....

ס. פ.: — מאדנע מענשען ! קלאגט אויפ'ן לעבען פון אזעלכע פא־ראזיטען און פרייען זיך ניט אויף זייער טויט... איך וואלט נאך בעסער וועלען וויסען — ווער איז דאס געווען דער שיסער.

ראיסא: — דער שיסער ! אפשר גאר א שיסערקע ?

ס. פ.: — זאל זיין א שיסערקע, אויב א שעהנע וואלט איך זי נאך א קוש טאן, נאר דאס רוב זיינען זיי ניט קיין שעהנע, שעהנע בעשליסען זיך זעלטען צו שטעלען דעם לעבען אין קאן... זיי דארף ציהען צום לעבען — אן אנדער לעבען ! . . .

(עס קומט אריין סאשא, בלאס, אטהעמט שווער, בלייבט שטעהן מיט איין האנד א הינטער זיך ביים טיהר, צו ליבע'ן — בעטראכטענדיג אלעס ארום

סאשא: — אויף א פּאָר ווערטער — איך אליין.

ס. פּ. (מיט שפּאָט): — און ניט וועלינדיג שטערען — פערלאָזט ער דעם זאל!.... (רופט נאָך זיך ראיסא. אָפּ).

סאשא: — מען ארעסטירט א מאססע מענשען — עס טראָגען זיך פערשיעדענע קלאנגען...

ליבע (אויפשפּרינגענדיג פון שטול): — וועגען א — — פּאָגראָם? ...

סאשא: — וועגען דעם אז עס וועט וואָס זיין וועלען די ארבייטער פון ענסקער פאבריק העלפען...

סאלאמאן: — העלפען? — — וועמען? ....

סאשא: — וואָס הייסט וועמען? (צו ליבען) האָט איהר ביי זיך וואָס פערדעכטיגעס? גיט מיר.

ליבע: — ניין... ניין. (פאַלט צוריק אין שטול).

ס. פּ. (דורך די האַלב אָפענע טיהר): — גאָספּאָדא, צופיעל קאָנספּי-ראַטציעט איהר מיר, איך פערליר דאָס נעדולד (ער קומט ארייז לאַנגזאַם מיט ראיסא) ראיסא זאָגט פּאָר, זי טרעפט אויפ'ן האנד, דאָס איך וועל נאָך אמאָל גליקליך זיין. (צו סאשא) גלויבען איר?...

סאשא: — וועמען ארט דאָס!.. (אָפּ צום פענסטער).

ס. פּ. (צו ליבען): — נו, צו וואָס עפּעס אזוי טרויעריג? איהר קוקט אזוי מאָדנע... (צו סאשא) איהר אויך, יחסן'דיגער פּראָלעטאַריאַט, — זאלץ פון אונזער ערד (צו סאלאמאן) אויך איהר, הייסעסטער עלעמענט פון אונזער צייט (צו ראיסא) און איהר, בייגקענדער מאָטיוו? נו, הייבט אָן; עפּעס פעלט, — עפּעס נאָגט — עך, איהר אלע דונקעלע הערצער קוקט מיר אויס ווי פאר א הינריכטונג (מיט אַ געמאַכטע, וויינענדע שטימע:) גאָספּאָדא, ראז אז איך בין ניט קיין אַגיטשירטער מיטגליעד, דאַפט איהר זאך מיט מיר ניט טערעסירען? אַ טעליגענט בין איך דאָך, ציט מיך צו, דע-קלערט די פּאָגראָם איך'ל העלפען קענפען און — מאַלע וואָס! (צו ליבען ווען זי נעמט אַרויס פון קעשענע אַ פּאַפּיער און שרייבט עפּעס ביים ברעג טיש). וואָס איז דאָס, ליובאָוו אראנאָוונא, אפשר אַ סמערטנער פּריגאָוואָר פאר מיר?... גוט, אויב מיר איז באַ-שערט צו שטאַרבען — זאל עס זיין דורך אייער האנד... (ער שטעלט זיך מיט די הענד ארויף) נאַט, שיסט, שיסט מיך ארויס

פון דער זינדיגער וועלט — איך וועל אהין קומען מיט א קלאָג צום גובערנאַטאָר וועל זאָגען: גאָספּאָדין נאַטשאַלניק, פּאסמאָטריטיע טשטאָ וו'וואשעי גובערניאי דעלאַיעטסיא :—טרייע בירגער ווערען פערפאָלגט... וואָס... קוקט איהר אזוי ?....

סאלאמאן: — סערגיי פּעטראָוויטש, וואָס פאר קאָמעדיעס — דאָס פּאַסט — —

סאשא: — פאר אזא קאמעדיאנט ווי ער איז.....

ס. פּ.: — עס איז אונטער פאר מיין ווירדע צו ענטפערען אזעלכע טאַקטלאָזע — גמ... „פּראַסטקייט איז ערגער פון גניבה“...

סאשא: — גמ.... עס פרעהט מיך זעהר צו געפינען זיך אין די געזעלשאפט פון „טאַקטישע“ איך בין דאָ ווייזט אויס ניט אם פּלאַטץ — צו פּראָסט. — א בעל הבית'שע טאָכטער דארף טאַקע ויסען צו האלטען פון זיך אן ארבייטער פון ווייטען, אדיע. איך וועל קומען אמאל אויף איין איינלאַדונגס קארט אונטערגעטריבען פון סערגיי פּעטראָוויטש...

ליבע (פערשטעלט מיט איין האנד דאס אָנגעשריבענעס. צו ס. פּ.): — דאכט זיך, איהר האָט בעליידיגט... סאשא'ן, ענטשולדיגט איך פאר איהם... איהר דארפט זיך ענטשולדיגען...

סאשא: — איך נעהם ניט אָן קיין ביטע אום ענטשולדיגונג פון אזעלכען — אויף עמעס בעליידיגונג איך שפּיי!

ס. פּ.: — די סצענע הייבט אָן צו ווערען גאַנץ אינטערעסאַנט...

סאלאמאן: — ליבע, איהר דארפט שוין אוועק געהן... קומט. —

סאשא: — וואוהין... צו וואָס?... דאָס „באַשערטעס“ וועט נאָכלויפען....

ס. פּ.: — א שטיינדעלע אין מיין גאָרטין... (צו ליבען), קומט, איך געה אויך....

סאשא (צו ליבען): — איך וואָלט אייך וואָס געוואָלט — פרעגען, נאָר אייך — און פּאָדער....

ס. פּ.: — נו, פאר דער קאָנספּיראַציע געה איך ניט ארויס....

סאלאמאן: — קענט איהר ניט ארויסטרעטען מיט — אייערע פאָדערונגען ביי א מעהר גינסטיגען מאָמענט ? ליבע — פיהלט — היינט....

סאשא: — איהר ווייסט אלע מאָל ווי ליבע פיהלט!... ווייניג גינס־טיגע מאָמענטען פאַלען פאר מיר אויס... און קאַלטע רפואות קענען ווייניג וואָס העלפען צו הייסע פראגען.....

ס. פּ.: — ליובאָוו אראנאָוונא, איך וואָלט פּראָטעסטירען.

סאשא: — ווען ס'איז איינג — קען אוועק געהן...

ליבע: — אָ, דאָ קען בלייבען און ריידען... יעדערער...

סאשא: — אזוי... יעדערער...

ליבע: — נאָר ריידען — צו דער זאך.

סאשא: — אזוי ווי עס ריידען טאקטישע לומפען... פּראָליעטאריער — איך קען ריידען ווי איך קען — מיך האָט מען בעסער ניט געלערינט. ווערטער איז אן איידעלע זאך מען דארף דערמיט ווי־סען ווי ארומצוגעהן.... פאראַן אָבער נאָך אַן איידעלערע זאך פון ווערטער און דאָס איז אַ הארץ... איך קען אזא וואָס בעזיצט אַ קראַפט צו צו־ציהען הערצער, שפּילען זיך מיט הערצער... זי איז פאר מיר אַ רעטעניש...

ליבע: — וויטער... רעדט... אָדער... די פרייהייט פון וואָרט שטערט ריידען?—דער אונטערערדישער דרוק האָט געלאָזען טיפע וואָרצ־לען... אַ רעטענים... פערגעסט עס!...

סאשא: — אַ זאך וועלכע איז גרינג צו הייסען יענעם...

ליבע: — פיליכט האָט זי אים ניט געקענט ליבען ווי ער איהר, נאָר, ליעב געהאַט אַ מאָל... זיין ליעבע צו איהר....

סאשא: — און אזוי ליעב געהאַט די ליעבע פון אַ יעדערען?....

ליבע: — מעגליך... יעדערינס ליעבע בעזיצט אַ בעזאָנדערען רייץ...

סאשא: — און יעדער רייץ — געווינט — בעזאָנדערע ליעבע....

ליבע: — אָדער — דעם פלאַטץ, אָפּצוגעבען זיך מיט אזעלכע פּראַ־גען האָבען פערנומען — אַנדערע שטרעבונגען, אָנשאָונגען, ניי־גונגען, ריכטונגען, שטימונגען וועלכע האָבען געשטויסען צו שטע־רען, שאַפען, ברעכען, בויען.... שטופען בערג...

ס. פּ.: — זיך אליין געליינטע שטיינער אויפ'ן וועג צו אייגענע אינטערעסען....

ראיסא: — וועלכע מיינט איהר אייגענע? —

ס. פּ.: אייגענע, אייגענע, זיך אליין מיין איך... אַ מענש דארף לע־בען, דארף ליעבען...

ראיסא: —איך?...

ס. פּ.: — אָ, מיט איךריידען!.... (אָפּ אין קיד).

סאשא: — געענדיגט, אללעס געענדיגט. —

ליבע: — עס איז אזוי שווער, סאשא, פערשטעהט עס...

סאשע: ווי קום איך איך צו פערשטעהן!... (ליבע אָפּ טרויעריג צום פענסטער).

סאלאמאן (צו סאשא'ן): — אין אזא טומעל וואָלטען מיר בעדארפט בעסער זעהען א זיכערען פּלאַטץ וואו צו....

סאשא: — באהאַלטען זיך? איך דארף ניט סיידען איהר... אינ־טעליגענטען....

סאלאמאן: — און אז מען זאָל איך ארעסטירען?

סאשא: — מיך?... זאָל מען....

סאלאמאן: — פאר ליבען איז דאָ קיין פּלאַטץ.

סאשא: — וואָס עפּעס? ביי זיך אין דער היים!.... וועט זי עס דען קענען פערלאָזען?...

סאלאמאן: — זי וועט — מוזען — איך ווייס. —

סאשא: — איהר ווייסט..... וואָס ווייסט איהר? איך בעלאַנג מיט ליובא'ן צו איין פּארטאי און ווייס גאָר ניט... יע... אינטעליגענטען זיינען פּארט א בעזונדערע פּארטאי!...

— (ער קוקט אויף ליבען וויל ווי עפּעס זאָגען, האַלט זיך צוריק, פער־לאָזט האַסטיג דעם צימער, א קלאַפּטהוענדיג מיט'ן טיהר.

ליבע (ביים פענסטער, דרייט אוים די קאָפּ צום טיהר): — אוועק פאר וואָס... וואוהין איז ער אוועק... (קוקט צוריק אין פענסטער, ער־שראָקען: ראיסא!... דאכט זיך — אייער פּאָטער —

ראיסא: — ער! — אן אומגליק האָט געמוזט טרעפען! — (לויפט ארויס, אַלע נאָך איהר, הינטערן פענסטער בעוועגען זיך פיגורען, עס הערען זיך שטימען, א צופאָרען פון א פור. אויפ'ן סצענע לויפט ארויף ראיסא טהוט זיך אָן. פון קיך קומט אָן ס. פּ.)

ס. פּ.: — גרונען צו געפינען איז ווי א שפּילקע אין א וואָגען היי... זעהט, ווי זיינען דאָס אַלע? (צו ראיסא'ן) וואוהין איילט איהר?

ראיסא: — מען איז מיך געגאַנגען זוכען — האָט מען אויפ'ן וועג

איבערגענומען מיט שטיינער — עס הייבט זיך שוין אָן. (לויפט ארויס).

ס. פּ.: — וואו איז ליובאָוו? (לויפט נאָך ראיסא'ן).

(פון קיך קומען אָן גרונע מיט לייזערן).

גרונע: — דו נאַר ניט שלעפּ נאָך קיין פּאַקלאַמאַציעס! —

לייזער: — וועט טאַקע זיין אַ דעמאָנסטראַציע? —

גרונע: — געווים, ראז אַז מי'ט בישלאָסען.

לייזער: — שטיי, און ווער'ט אין שטוב אבמונג געבען?

גרונע: — ס'מיינע דאגה'ס! (קוקט ארויס אין פענסטער) זע נאָר, גריגאָרי דער „עס.-ער". איז צו איהר צוועלאָפען אקוראט ווען שערגיי פעטראָוויץ וויל איהר רופען אין שטוב אריין.

לזער: — זע, און וואוהן איז דאָס אַנטלאָפען דער פּועל-ציונ'ק, וואוהין?

גרונע: — וואוהין? מסתמא ניט דערלאָזען קיין פּאָגראָמען... ער איז דאָך אַ גאַנצער גיניראַל גובערנאַטער בא זיי, בא די סאַמאַבאראָנשציקעס... נו געה שוין, איך'ל שפּעטער אונטערגעהן....

(לייזער אָפּ. גרונע קאַמט זי דגעגען שפּיגעל און זינגט):

„אי מיר'ן קענפּין און קענפּין ביז וואַאַאַנען —

די גאַנצענע וועלט ט'ניט ווערען באַפּראַאַאַיט

די גאַנצענע וועלט ט'ניט ווערען באַפּראַיט!"

ס. פּ. (אריינקומענדיג. צו גרונען) — ליובאָוו... אראנאָוונא איז ארויס אָן דעם מאַנטעל (זי כאַפּט דעם מאַנטעל) לייגט עס אוועק, מען דארף זי רופען אהער.

גרונע: וואָסי? ראז אַז זי...

ס. פּ.: — ווער איז ער וואָס האָט זי אָפּגערופען אָן אַ זייט? —

גרונע: — גריגאָרי דער עס. ער'אָוועץ. איהר קענט איהם ניט?

ס. פּ.: — רופט זי שוין אריין אין הויז!

גרונע: — וואָסי? מאַלע וואָס זיי ריידען, וועל איך געהן רופען!...

(עס קומען אריין אהרון מיט חוה'ן. זעהן אוים פיעל עלטער. טרייסלען פון זיך די שניי, בעמערקען ניט ס. פּ.)

גרונע: — זעהט, שוין אזוי גיך צוריק?

חוה: — אַ פיינער קבלת פנים, דאָרטען האָט מען ניט געוואוסט וואו צו זעצען און דאָ....

אהרון: — דאָרטען? פשוט קיין אָרט ניט געווען אַ מלאכה פון אנ־דערע צו שלעפען מיט זיך קינדער! —

חוה: — אין געסט איז גוט און אין דער היים נאָך בעסער... אשר יושבי בתיך — סידי ליחא דאָמאַ (בעמערקט ס. פּ.) זע נאָר, וואָס פאר אַ שטיל קינד, מען הערט עס גאָר ניט, אליין, האַ? זי האָט ניט געוואָלט קומען אפילו אויף אַ ווײַלע, אבי ער האָט געזאָגט — „זי וועט קומען מיט אַלעמען".

גרונע: — און טאקע מיט אַלעמען, מעהר ניט זיי האָבען זאָך צו־גאַנגען.

חיה: — וואָס רעדסטו? טאַקע? טו וואו איז זי — אודאי בעהאַלטען זיך? ע, פון מיר בעהאַלט מען זיך ניט, איך געפין — (זוכט. גרונע לאַכט).

ס. פּ.: — ערלויבט מיר... איך וועל אייך ערקלעהרען (צו גרונען) איהר געהט...

גרונע: — ארײַנרופען זי? (לויפט צום טיהר).

ס. פּ.: — ניין, געהט — ברײַנגט מיר אַ — שוועבעלע. (גרונע אָפּ מיט אַ קרים) מען האָט גערעדט דאָס איהר קומט מאָרגען... אלזא — זיא — ריכט זיך ניט צו זעהן אייך היינט... געהט בעסער ארײַן אין אַ צווייטען צימער, ווען זי וועט ארײַן וועל איך אייך לאָזען וויסען — (נעמענדיג ביי גרונען די שוועבעלע. צו אהרון): — וואָס — זאָגט איהר צו היינטיגען נייעם?

אהרון: — וועגען גובערנאַטאָר? גאָט ווייס וואָס דערפון וועט ארויסקומען און איין פרט איז ער דוקא געווען נשקשה — פלעגט נעהמען אַ קערביל.... (צו חוה'ן) זעהסטו, איך האָב געזאָגט — זי וועט קומען.

חוה: — וואָס איז די רייד — ביזט אַ האַלבער נביא (צו ס. פּ.) צו איהם פּאַסט איצט יענער גליך וואָרט — פונקט פאַרקערט: „בע־סער מיט אַ נאַר צו געפינען, ווי מיט אַ קלוגען צו פערלירען"...

גרונע: — איך דאַרף ערגעץ אין אַן אָרט אונטערגעהן (אָפּ).

חוה: — אונטערגעהן? נאך וואס? פארוואס זאמט זי זיך אזוי? וואוהין איז זי אוועק — אין אזא ביטערע קעלט — ווי דאס הארץ האט מיר געריסען אהיים — שא, זי געהט....

(ס. פ. ווייזט זיי אויפ'ן טיהר פון ליבעס צימער. זיי געהען אריין אונווילליג אבער געהארכזאם).

ליבע (קומט אריין, נעמט איהר מאנטעל — ס. פ. מאכט זיך זי ניט זעה־ענדיג, זי טראכט א ווײלע, מאכט א פאר טריט צו איהם. אויפגע־רעגט): — סערגיי פעטראוויטש, איך מוז שוין אוועקגעהן.

ס. פ. (מיט פארוואורף, הויך): — ליובאוו אראנאוונא!...

חוה (ארײנלויפענדיג): — ליבע! —

(ליבע בלייבט ערשטוינט, טרעט אפ צוריק).

אהרן (ארײנקומענדיג, שטיל צו ס. פ.): — געקומען פראווען ברוגז?

ס. פ.: — ליובאוו אראנאוונא מוז — וועלען —געהן צו זיך...

אהרן: — און דא... דא איז זי ניט ביי זיך? . . .

חוה:— ליבע — האסט נאך, ווי איך זעה, אלץ ניט פערגעסען.... פערגעס וואס ס'איז געווען א מאל, דער טאטע האט חרטה — ווייסט דאך זיין נאטור — (וויל זי קושען).

ליבע (אנהאלטענדיג זיך אן א טישעל): — ניין, ניין איהר האט מיך קיינמאל ניט געקושט — און היינט — יעצט...

אהרן: — „איהר האט מיך קיינמאל ניט געקושט"... און אונז האט מען געקושט... געקושט האט מען אונז!... ווילסט איך זאל בייגען פאר דיר מיין גראען קאפ? שלאגען זיך אין הארצען על חטא? גוט... זייער גוט מיין טאכטער, איך קען דאס דיר צוזאגען דאס פון היינט אן און ווייטער וועסטו פון מיר קיין איין הויךווארט ניט הערען, איך וועל שטומען ווי די וואנד... לאז דוכטען דאס דו האסט א שטומען טאטען — נאך אביסעל — און ס'וועט זיין אין גאנצען אוים טאטע... אויב ער וועט מיט זיין טויט נישט שטארבען וועט מען איהם שוין פארטיג מאכען... העק מיט דובינעס זיינען נאך דא א סך... שוין איבערגעלעבט סכנות ווען... די טאכטער איז געגאנגען איינגעמען א וועלט... דערלעבט א.. נחת.

(ער טהוט א מאך מיט'ן האנד, בייגט זיך צום אלמער ספרים, ווי ער זוכט עפעס, ווײנט שטיל...)

חוה (פערשטעלענדיג ליבען דעם וועג): — וועסט ניט אוועק פון דאָ־נען, סיידין וועסט איבערטרעטען מיין טויטען קערפּער — ליבע — נעהם אונז ניט דאָס לעבען... וועסט זיך דאָס קיינמאָל ניט קענען שענקען, וועסט דארפען מחילה בעטען טויטע, בעסער זיי ... מוחל לעבעדיגע. (אומאַרמענדיג ליבען) ניט געה אוועק, ניט געה.. שוין גענוג געוועזן זייערע... דער גאַנצער וועלט'ס... בלייב דאָ. (וויינט).

ליבע: — מאמע... מען קען.. קומען... נאָך מיר... אהער....

חוה: געה ניט.. וועסט ארייננפאַלען צו די חיות צו די מערדער — וואָס ווילען זיי פון די מאכען ?.... (וויינט העכער. — ליבע נעמט חוה'ס קאָפּ מיט ביידע הענד, קוקט איהר טיעף אריין אין די אויגען, כאַפּט זי פּלוצלונג שטאַרק ארום דריקט צו זיך, צוואוויינט זיך).

אהרון אָנגעשפּאַרט אן אלמער ספרים צוואויינט זיך שטאַרק)

אהרון (דורך טרעהרין): — איך האָב דענסטמאָל געמיינט דיין טובה, נאָר דיין טובה, איין גאָט איז מיין עדות! —

סאלאמאן (לויפט אריין זעהר בלאַס, צו ליבע'ן): — אייער קוואַ־טיר איז בעוואכט פון פּאָליציי... ביי ראיסא אן אַביסק... בין קוים פערלאָפען אהער.... אייך... (שטרעקט אויס די האַנד. זי איז פערוואונדעט, כאַפּט זיך שוואַך אָן טיהר).

ליבע: — סאלאמאן!... פערוואונדעט ?! ווי איז... סאשא...

סאלאמאן: — ארעסטירט — ביי אייך אין צימער — עס איז זיין קוואַרטיר, זאָגט ער, ער נעמט אַלעס אויף זיך... רעטעט זיך..

ס. פּ.: — דורכ'ן הינטער־טיהר אין סאַד, קומט גיכער!

אהרון: — גיכער! (שטופּט אָפּ ס. פּ., כאַפּט ליבע'ס האַנד).

חוה: — רבני של עולם, וואָס איז דאָ ?!

ליבע: — א בייזער באנקראָט: — פערלאָרען, אַללעס פערלאָרען.... (עס הערען זיך שווערע טריט, אַ קלונג פון שפּאָרען, דער ווינד וואָיעט שרעקליך....)

חוה: — א — — — זיי! (ווילד) ניט לאָזט, ניט לאָזט זיי אהער!... (צו אהרון) — פערטרייב זיי, פערטרייב זאָג איך דיר!... (פאלט אין אָנמאַכט, אהרון מינטערט זיא).

ל י ב ע (פאַלט לעבען זיי אויף די קני. וויינט, אומאַרמט ביידען): — א, ניין, ניין איך וועל אין זייערע הענד ניט אריינפאלען א---לע־בע־דיגע.... איך בלייב דאָ, ביי אייך... (עס הערען זיך שטאַרקע קלעפּ אין טיהר) א, שוין דאָ... (זי שטעלט זיך) האַלט זיך אַלע פון ווייטען... איך עפען! (טהוט האַסטיג אן עפען די טיהר — אין איהר וויזט זיך אַ זשאַנדאַרמסקער אָפיציר, זי כאַפּט אַרויס דעם רעוואָל־ווער, האַלט גענען טיהר). איין טראָט נעהנטער — שיס איך! איהר דאַרפט מיך? אָט בין איך, יע, איך, איך האָב דערשאָסען דעם גובערנאַטאר איך, א י ך א ל י י ן. נו, נעמט מיך איבער צום געריכט — — ארעסטירט, הייננט, מוטשעט!... (זי קערט אויס דעם רעוואָלווער צו זיך, שיסט אויס און פאַלט. אַ שרעקליכער געשריי רייסט זיך ארויס ביי אַלעמען).

פ אָ ר ה אַ נ ג ש נ ע ל.